STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06827

VLADIMIR MEDEM

Naftoli Gross

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואַלאַדימיר מעדעם

די לעגענדע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג

פון

נפתלי גראָס

צייכנונגען פון

חיים גראָס

ארויסגעגעבן פון דעם פאַרלאַג
ק י נ ד ע ר ־ ר י נ ג
ביי דעם בילדונגס-קאָמיטעט פון
ארבעטער רינג, נויאָרק, נ. י.

VLADIMIR MEDEM

By NAFTOLI GROSS

Copyright, 1938 by
The Workmen's Circle
New York, N. Y.

FUTURO PRESS, Inc.
476 Broadway, New York, N. Y.
200
Printed in U. S. A.

ווּלאַדימיר מעדעם

וולאַדימיר מעדעם

איז געבוירן געוואָרן דעם 22 יולי, 1879, אין ליבאַווע, רוסלאַנד.
ער איז געשטאָרבן אין נויאָרק, דעם ערשטן יאַנואַר, 1923.

װלאַדימיר מעדעם

אין די צײַטן פֿון די רוסישע צאַרן, בעת מע האָט די ייִדן אין רוסלאַנד געררויִדעפּט דורך אַלערלײ גזירות און באַגרעניצונגען, און מע האָט געמאַכט אױף זײ פּאָגראָמען, האָט געלעבט דער מענטש, דער פֿירער פֿון ייִדישע אַרבעטער — װלאַדימיר מעדעם.

זײַנע עלטערן, אַסימילירטע ייִדן, האָבן געװױנט אין דער שטאָט מינסק. דער פֿאָטער איז געװען אַ מיליטער-דאָקטער מיט דעם טיטל גענעראַל. אין מינסק האָט מעדעם פֿאַרבראַכט זײַנע קינדער-יאָרן. דאָרט איז ער געגאַנגען אין גימנאַזיע. שפּעטער האָט ער געשטודירט אין קיִעװער אוניװערזיטעט, איז געװען אַן אַקטיװער מיטגליד אין דער סטודענטישער אָרגאַניזאַציע פֿון די „לאַנדסמאַנשאַפֿטן", װאו ער האָט זיך באַקענט מיט סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אידייען. אין 1899 באַטײליקט ער זיך אין דעם גרױסן סטודענטן-סטרײק, און װערט דערפֿאַר אױסגעשלאָסן פֿון דער אוניװערזיטעט און אַרױסגעשיקט קײן מינסק.

אין יענע צײַטן איז די אַרבעטער אין רוסלאַנד געװען פֿאַרװערט צו אָרגאַניזירן זיך אין יוניאָנס אױף צו באַשיצן זײערע רעכט און אױף צו קעמפֿן פֿאַר קירצערע אַרבעט-שעה און העכערן לױן. נאָך שטרענגער איז געװען פֿאַרבאָטן צו באַטײליקן זיך אין פּאַרטײ-אַרבעט. מע האָט די אַרבעטער נישט געלאָזט אָנפֿירן קײן סטרײקס, און מע האָט זײ פֿאַרװערט צונױפֿצוקומען זיך אױף פֿאַרזאַמלונגען.

מעדעם איז דערצויגן געוואָרן ווי אַ קריסט. ער איז אין דער יוגנט געגאַנגען אין קלויסטער אַריין און האָט ליב געהאַט קריסטלעכע צערעמאָניעס. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן און האָט אָנגעהויבן דערקענען דאָס לעבן, האָט עס אים געצויגן צו יידן.

אין מינסק האָט זיך מעדעם דערנעענטערט צו די אַר־בעטער. אים האָט געצויגן צו די אונטערדריקטע, צו די, וואָס ליידן. ער האָט פאַרבונדן זיין לעבן מיט דעם גורל פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. וואָרן זיי האָבן געליטן טאָפּלט: סיי ווי רעכטלאָזע אַרבעטער און סיי ווי יידן.

מעדעם האָט זיך אויסגעלערנט יידיש. ער איז געוואָרן אַ שרייבער און אַ רעדנער. און גערעדט האָט ער ווי איינער, וואָס האָט מאַכט און אויטאָריטעט. ער איז געוואָרן דער פירער און די נשמה פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער אַרבעטער־פּאַרטיי — פון „בונד". ער איז געוואָרן דער קעמפער פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, פאַר זייערע אַרבעטער רעכט און פאַר יידישער קולטורעלער אויטאָנאָמיע. ער האָט געהאָלפן בויען די יידישע שול־באַוועגונג אין פּוילן און האָט געקעמפט פאַר דער אָנערקענונג פון יידיש.

אַ שטיק צייט האָט מעדעם געלעבט אין דער שווייץ, וואו ער האָט געשטודירט און געטאָן פּאַרטיי־אַרבעט. ער איז פאַר דער פּאַרטיי אַסך אַרומגעפאָרן אין אויסלאַנד און אין רוסלאַנד. און ווי די מיינסטע קעמפער פאַר גערעכטיקייט און אמת — האָט מעדעם יאָרן געשמאַכט אין די רוסישע טורמעס.

מעדעם איז דאָס גאַנצע לעבן געווען אַ גלייביקער. אין די פריע יאָרן האָט ער געגלייבט אין גאָט, שפּעטער — אין דער מענטשהייט, און אין דער פרייהייט און אין זיג פון די אַר־בעטער.

זיינע לעצטע פֿאַר יאָר האָט מעדעם געלעבט אין אַמעריקע. ער איז אַרומגעפֿאָרן איבערן לאַנד פֿאַר דעם אַרבעטער רינג, און האָט אַגיטירט פֿאַר דעם „בונד”. די יידישע אַרבעטער האָבן אים אומעטום אופֿגענומען מיט פֿרייד און באַגייסטערונג. ער איז געווען אַ חבר, און ווער סע האָט אים געקענט און ווער סע האָט אים געהערט — האָט אים ליב געקריגן.

מעדעם וועט לעבן אין זיכרון פֿון דער יידישער אַרבעטער־שאַפֿט ווי איינער פֿון די באַליבטסטע פֿירער פֿון „בונד”. ער איז געווען אַ קריסט, און ער איז געגאַנגען צו יידן; ער איז געווען אַן אַריסטאָקראַט, און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו די אָרימע יידישע אַרבעטער־מאַסן, זיי צו דערהייבן צו אַ שענער און בעסער לעבן.





דאָס גלייביקע ייִנגל

מער פֿון אַלע שפּילן האָט וואָליע ליב געהאַט דעם שפּיל אין „קירכנכאָר". אינדערפֿרי, ער שטייט אויף, שלעפּט ער אַראָפּ דאָס טישטוך פֿון טיש, אָדער די קאָלדרע פֿון בעט, וויקלט זיך איין אין דעם ווי אַ גלח, שטעלט זיך אַוועק הינטער דער שאַפֿע און זינגט, מאַכט געוואַלדן, אַז מע דערהערט איבערן גאַנצן הויז. און אַז מע פֿרעגט אים:

— וואָליע, וואָס איז דאָס?

— דער קירכנכאָר! — ענטפֿערט ער שטאָלץ.

וואָליעס עלטערן זענען נאָך דעמאָלט געווען ייִדן. ערב־שבת פֿלעגט קומען לאה די ייִדינע צוגרייטן פֿיש אויף שבת. און פֿאַר אַ ייִדישן יום־טוב איז אין הויז נאָך געווען עפּעס יום־טובדיק. זיינע ברידער אָבער און זיין שוועסטער זענען שוין דעמאָלט געווען געשמאַדטע. אין די גויעשע חגאות

(כאַגאָעם) זענען זיי אַלע געגאַנגען אין קלויסטער אַריין. אַפילו דער פאָטער זיינער פלעגט שוין אין די רוסישע יום-טובים גיין מיט דער פאַמיליע אין קלויסטער אַריין.

וואַליע — אַזוי האָט מען וולאַדימיר מעדעמען גערופן, בעת ער איז געווען אַ ייִנגל — וואַליע אַליין פלעגט גיין צוויי מאָל אַ וואָך אין קלויסטער אַריין: שבת פאַרנאַכט און זונטיק אינדערפרי. דער שבת פאַרנאַכט געפעלט וואַליען מערער. ערשטנס דאַרף מען מאָרגן, זונטיק, נישט גיין אין שול אַריין, און צווייטנס, ווייל די תפילות אין קלויסטער קלינגען אַסך שענער אין דער שטילקייט פון בין-השמשות (ביין-האַשמאַ-שעם).

אַ זעלנער, דעם פאָטערס אַ באַדינער, ברענגט אים צו פירן אין קלויסטער אַריין. אין קלויסטער איז שטיל און טונקל. די ליכטלעך ברענען. דער גלח גייט אַרום ערנסט און פייער-לעך. די פרעמדע סלאַווישע ווערטער פון די לידער קלינגען אַזוי דערהויבן און הערלעך. אַפילו אַז מע פאַרשטייט נישט וואָס זיי מיינען. דער קלאַנג אַליין דערהייבט און פאַרקי-שעפט.

נאָר נאָך מערער האָט וואַליע ליב די גרויסע חגאות, דעם פרילינג-יום-טוב, דעם קריסטלעכן פסח, בעת מע טוט תשובה, מע רייניקט זיך פון זינד. ער האָט ליב צו זען די גלחים אין די שווארצע טרויער-קליידער, די טונקל-גילדענע קריסטלעכע ביל-דער אין קלויסטער, די ברענענדיקע ליכט און לאָמפּן, די אוים-טערלישע צערעמאָניעס, דאָס געזאַנג פון דעם כאָר, וואָס שטייט ערגעץ הינטער די הויכע זיילן.

די אַלע זאַכן מאַכן אַ געוואַלטיקן איינדרוק אױף וואַליען. אים דאַכט זיך אַלעמאָל, אַז דאָס געזאַנג פון דעם כאָר טראָגט זיך פון ערגעץ אין דער הייך און פון דער ווייט.

וואָליע דערמאָנט זיך אין די מעשהלעך וועגן יויזל. ווי די ריימישע זעלנער קומען נאָך אים. זיין אייגענער תלמיד, דער פאַררעטער יודאַס, ענטפערט אים איבער מיט אַ קוש, כּדי די זעלנער זאָלן אים דערקענען. און דערנאָך — ווי מע קרייציקט אים.

וואָליע לעבט דאָס אַלץ איבער ווי ער וואָלט אַליין געווען דערביי. און אין הויז פּריוואַט ער אַלעמאָל נאָכמאַכן די קירכ־לעכע צערעמאָניעס און דאָס זינגען. און אַז מע פרעגט אים אַמאָל וואָס ער וויל ווערן — האָט ער איין ענטפער:

— אַ בישאָף.

נאָר וואָליע איז קיין בישאָף נישט געוואָרן.



קומט דער ליבער זומער

וואַליעם מוטער איז קראַנק זינט ער געדענקט. זי גייט קוים אַרום איבערן הויז. מײנסטנס ליגט זי אין בעט, אָדער זי זיצט אין גרויסן פאָטערשטול, וואָס פּאַרט אַף קליינע רעד־לעך.

איינמאָל איז קיין מינסק געקומען צו פאָרן אַ היפּנאָטיזי־רער. ער האָט מיט זיינע פאָרשטעלונגען אין שטאָט געמאַכט אַ גרויסן רושם (רוישעם). ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַן איבערנאַטירלעכע קראַפט, אַ וואונדער: אַ מענטש שלעפערט איין אַ צווייטן, און ער ווערט דערנאָך זיין האר און באַפעלער. אַלץ, וואָס דער מענטש הייסט, מוז יענער טאָן. ער קאָן יענעם שטעכן מיט נאָדלען און זאָגן, אַז סע טוט נישט וויי — און סע טוט יענעם נישט וויי.

דער היפּנאָטיזירער האָט זיך אונטערגענומען צו היילן וואַליעם מוטער דורך היפּנאָז. איין שיינעם אָוונט איז ער גע־

קומען צו גיין. מ'איז מיט אים אַריין אין שלאָפצימער צו דער מוטער. וואַליען האָט מען אַהין נישט אַריינגעלאָזט. מע האָט אים געהייסן, ער זאָל זיך גיין לייגן שלאָפן. וואַליע האָט אָבער נישט געקענט שלאָפן. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטער דער וואַנט פון דער מוטערס צימער געוואַלטיק אופגערעגט. ער האָט געפילט, אַז דאָרטן אינעווייניק קומט פאָר אַ וואונדער־לעכע געשעעניש. דאָס קאָן האָבן די גרעסטע באַדייטונג אין זיין לעבן.

אַ, ווען זיין מוטער זאָל האָבן אַ רפואה און ווערן געזונט! ער ליידט דאָך אַזויפיל צוזאַמען מיט איר. איר קראַנקהייט איז זיין אומגליק. זינט ער געדענקט — טראָגט ער דאָסדאָזיקע אומגליק. און דאָס מאַכט אים אַזוי טרויעריק. שוין יאָרן, אַז ער האָפט אַף אַ וואונדער.

נישט קיין רחמנות (ראַכמאָנעס) האָט וואַליע אַף זיין מו־טער, נאָר עפּעס מער ווי רחמנות. ווען ער זאָל אַמאָל קענען גיין שפּאַצירן מיט זיין מוטער ווי אַנדערע קינדער גייען — ווי שיין דאָס וואָלט געווען! ער חלומט אַזוי אָפט וועגן דעם. אַז די מוטער וועט ווערן געזונט — וועט ער קענען גיין מיט איר שפּאַצירן האַנט אין האַנט. סאַראַ גליק דאָס וועט זיין! ער איז גרייט צו טאָן אַלץ אין דער וועלט — אַבי דאָס צו דער־לעבן. און אַז ער זעט ווי זיין מוטער ווערט נאָך געפערלעכער קראַנק — צעפלאַקערט זיך אין אים נאָך מער די האָפענונג. ער בענקט און האָפט אַף אַ וואונדער.

און אָט שטייט ער הינטער דער וואַנט מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ. ער הערט זיך צו צו יעדן שאָרך. ער הערט די פעסטע טריט פון דעם וואונדערמענטש. אָט באַלד הייבט זיך אָן דאָס גרויסע וואונדער.

וואָליע פאַלט אַף די קני און נעמט בעטן. ער בעט גאָט, ער זאָל רחמנות האָבן און קומען צו הילף. ער בעט מיטן גאַנצן כוח און פון טיפסטן האַרץ. ער בעט, ווי סע קען בעטן אַ גלייביק קינד, וואָס וויל ראַטעווען זיין מוטער.

נאָר די מוטער איז נישט געהיילט געוואָרן.

אַז סע קומט דער ליבער זומער פאָרט זי אַרויס מיט די קינדער אַף לופט אין אַ דאָרף הינטער מינסק. נאָענט פון זייער ווילע איז אַ גרויסער, שיינער וואַלד.

אין די מאָרגנס גייט וואָליע מיט זיין חבר מישא אין וואַלד אַריין מתפלל זיין (מיספּאַלעל זיין). וואָליע שטייט הינטער איין בוים און בעט, מישאַ — הינטער אַ צווייטן בוים און בעט. ווייט איינער פון אַנדערן שטייען זיי, כדי איינער דעם אַנדערן זאָל נישט שטערן דעם שמועס פון דעם קליינעם מענטשעלע מיט דעם גרויסן גאָט. זיי בעטן, מיט די אייגענע קינדערישע ווערטער בעטן זיי.

וואָליע בעט שטענדיק, אַז גאָט זאָל אים מוחל זיין זיינע זינד. אים דאַכט זיך כסדר, אַז ער איז זינדיק. און ער בעט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז די מוטער זאָל האָבן רפואה. וואָרן ער גלייבט, גלייבט טיף פון האַרצן, אין דער גערעכטיקייט פון גאָט.

אים מאַטערט נאָר אָפט דער געדאַנק: ווי קאָן דאָס זיין, וואָס דערוואַקסענע מענטשן זאָלן זיין אַזוי בלינד און נישט גלייבן? וויאַזוי קאָנען מענטשן, וואָס בטבע (בעטעווע) זענען זיי נישט קיין שלעכטע, נישט פילן קיין באַגער צו רייניקן זיך פון זינד, און תשובה צו טאָן, כדי צו האָבן עולם-הבא (אוי-לעם-האַבע)? ווי קאָנען מענטשן זיין אַזוי אַריינגעטאָן אין די קליינע ערדישע זאַכן, אין עולם-הזה (אוילעם-האַזע), און פאַר-

געסן, אַז דאַסדאַזיקע לעבן איז בלויז דאָס פּירהויז, וואָס דורך אים גייט מען דורך צום אמתן לעבן אויף יענער וועלט?

וואָליע האָט געטראַכט מיט שרעק, אַז ווען ער וועט זיין גרויס, זאָל ער אַליין חלילה נישט ווערן אַזאַ אומגלייביקער ווי די דערוואַקסענע מענטשן זענען. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער גרויסער טומל פון דעם קליינעם לעבן זאָל אים חלילה נישט פאַרשלינגען, און זאָל אים נישט פאַרבלענדן זיינען אויגן, נישט פאַרשטאָפּן זיינע אויערן, נישט פאַרטעמפּן זיין גלויבן, און נישט אַרויסרייסן פון זיין האַרץ די גרויסע ליבשאַפט און ציטערניש פאַר דעם גרויסן און גערעכטן גאָט.

— ניין, ניין, — האָט ער אין אַזוינע מינוטן געזאָגט צו זיך אַליין, — דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין! איך זע דאָך אַזוי קלאָר דעם טעות, וואָס די מענטשן מאַכן, און ווי זיי זינקען אין אַ שרעקלעכן אָפּגרונט. איך ווייס פאָרויס, אַז ווען מע ווערט אַ דערוואַקסענער מענטש, ציט דער יצר־הרע (יעיצער־האָרע) טריט־ביי־טריט אַריין אין דעמדאָזיקן אָפּגרונט. ווייל אָבער איך ווייס דאָס פאָרויס, און ווייל איך פאַרשטיי וואָסער זומפּ דאָס איז — וועל איך מיך אין אים נישט לאָזן אַריינציען. מע דאַרף דאָס נאָר שטענדיק געדענקען און אין זינען האָבן — דעמאָלט וועט מען קענען ביישטיין און זיך נישט לאָזן אַראָפּ־זינקען אין אָפּגרונט אַריין.

אַזוי האָט וואָליע גערעדט צו זיך אַליין, און ער האָט גע־טראַכט, אַז ער מוז עפּעס טאָן, די מענטשן צו ראַטעווען. מע טאָר נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און זיי לאָזן זינקען און אונטערגיין. אין דער אמתן זענען זיי דאָך בלינד. מיר אָבער האָט גאָט געעפנט מיינע אויגן. איך זע דאָך! זאָל איך צו־קוקן ווי זיי רוקן זיך אַלץ נעענטער צום ברעג פון דעם אָפּ־

וואָליע שטייט הינטער אַ בוים און טוט תפילה צו גאָט

גרונט? מע דאַרף זיי וואָרענען. ס'איז מיין חוב זיי צו וואָ־רענען.

— גאָט, רוף, און איך וועל גיין. איך וועל נישט אַנטלויפן ווי דער נביא יונה, בעת דו האָסט אים געשיקט קיין נינווה (ניניווע), ער זאָל דאָרט שטראָפן און וואָרענען די מענטשן, זיי זאָלן תשובה טאָן. גאָט, גיב אַ צייכן, און איך וועל פאָלגן.

דערדאָזיקער געדאַנק האָט וואָליען געפּייניקט, נישט גע־לאָזט רוען. ער האָט געוואָלט עפּעס טאָן: רעדן, רופן צו תשובה.

נאָר מער פון אַלץ האָט אים געמאַטערט די זאָרג פאַר זיין פאָטער און פאַר זיין מוטער. דער פאָטער גייט אַזוי זעלטן אין קלויסטער אַריין, און די מוטער — נאָך זעלטענער, כמעט קיינ־מאָל נישט. אַז זיינע עלטערן זענען יידן האָט ער נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט.

און דאָ האָט נאָך איינמאָל געטראָפן עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט אים אינגאַנצן געמאַכט אומגליקלעך: ער קומט איינמאָל אַריין אין הויז און הערט ווי זיין מוטער רעדט יידיש, פּראָסט יידיש. אָ, ווי שרעקלעך דאָס איז פאַר אים געווען! די מו־טער שטייט מיט לאה, דער יידינע, און רעדט יידיש, „זשאַר־גאָן". אַזוי דערנידעריקן זיך! זיין מוטער, אַ געבילדעטע דאַמע, אַ פרוי פון אַ רוסישן גענעראַל — זאָל רעדן יידיש! ס'אַ טעות. דאָס קען נישט זיין! אַן אמתער סקאַנדאַל! דאָס איז איבער יעדער מאָס! אָ, זאָל נאָר דער פאָטער אַהיימקומען! ער קען דאָס נישט באַנעמען. ער וועט רעדן מיט דעם פאָטער, ער וועט רעדן מיט די ברידער. זאָל מען אים דערקלערן. וואָס טוט זיך דאָ? וואָס היט מען זיך, וואָס?!

און באַלד האָבן זיך טאַקע דערהערט טריט, און ס'איז אַריינגעקומען דער פאָטער.

איגנאַטיעוו — און וואָליעס נקמה

וואָליעס עלטערן האָבן באַוואוינט אַ פּריציש הויז מיט אַ גאָרטן אין איינער פון די שיינע מינסקער גאַסן. זיין פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער מיליטער-דאָקטער מיט דעם טיטל גענעראַל. אין הויז ביי זיי האָבן פאַרקערט יידן פון די פאַרמעגלעכע און געבילדעטע מינסקער שיכטן.

אין יענער צייט זענען די געבילדעטערע יידן אין רוסלאַנד אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ שרעקלעכער מגפה (מאַגייפע) פון שמד. זיי האָבן געמיינט, אַז אַלע רדיפות און גזירות אַף יידן נעמען זיך פון דעם, וואָס יידן פירן זיך ווי יידן, רעדן יידיש, קליידן זיך יידיש, היטן אָפּ די אייגענע יום-טובים, און פירן זיך לויט די פאַרשריפטן פון דער תורה. ווי אָבער מע וועט נאָר אָנהייבן זיך פירן ווי די קריסטן — וועלן אַלע צרות אָפּגעטאָן ווערן. אַזוי האָבן זיי געמיינט.

אויך אין די פאַמיליעס פון וואָליעס פאָטער און מוטער איז אַזוי געווען. כמעט אַלע זיינע פעטערס און מומעס זענען געוואָרן קריסטן. אויך זיינע ברידער און די שוועסטער זיינע האָבן זיך געשמאַדט.

וואָליע אַליין, דאָס מעזיניקל אין דער פאַמיליע, איז גע-קריסטלט געוואָרן גלייך נאָך זיין געבוירן ווערן. ער איז געווען דער ערשטער קריסט אין זיינע עלטערנס הויז. זיינע עלטערן האָבן באַשלאָסן, אַז זיי און זייערע עלטערע קינדער האָבן גע-נוג געליטן פון זייער יידישקייט. זאָל שוין זייער יינגסטער זון נישט וויסן פון קיין צרות. זיי האָבן אים דעריבער אָפּגע-

קריסטלט אין אַ גריכיש-קאַטוילישן קלויסטער, פּונקט ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן אין אַ קריסטלעכער פאַמיליע.

אין הויז האָט מען וועגן יידן גערעדט זעלטן. די באַקענטע און איינגייער אין זייער הויז האָבן דאָס וואָרט „ייד" כמעט ניט דערמאָנט. דאָס וואָרט איז געווען טרייפע ווי ביי אַ פרומען ייד חזיר. מע האָט זיך געשעמט מיט דער יידישער אָפּשטאַמונג. און מע האָט זיך געהיט, דאָס דינסטמיידל זאָל חלילה נישט דערהערן, אַז מע קער זיך עפּעס אָן מיט יידן.

ביי דידאַזיקע מענטשן האָט זיך אויסגעאַרבעט וועגן יידן אַ מין געהיימע שפּראַך מיט אירע באַזונדערע אויסדרוקן, וואָס נאָר די אייגענע האָבן דאָס געקענט פאַרשטיין. אַנשטאָט „יידן" פלעגט מען זאָגן „איטאַליענער", אָדער גאָר „פון די אונזעריקע". מע האָט געשלעפּט אָפּ זיך די יידישע אָפּשטאַמונג ווי אַ מוראדיקע משא (מאַסע), ווי עפּעס אַ קרענק, וואָס פון איר דאַרף חלילה קיינער נישט געוואָר ווערן.

אמת, וואָליעס פאָטער און מוטער זענען קיינמאָל נישט דערגאַנגען אַזוי ווייט. אין די זונטן האָט דער פאָטער נאָך אָפט אַריינגעקוקט אין אַ ספר. ער האָט ליב געהאַט אַרויסצונעמען דעם אַלטן תנ"ך מיט דער פראַנצייזישער איבערזעצונג און זיך פאַרטיפן אין אים מיט גרויס הנאה (האַנאַע).

פילמאָל פלעגט ער אויך צורופן וואָליען און לייענען מיט אים אַ קאַפּיטל פון די נביאים. אָפט וואָליען פלעגט דאָס מאַכן אַ געוואַלטיקן איינדרוק. דער אַלטער תנ"ך, די יידישע אותיות, די וואונדערלעכע שטראָפרייד, און דעם פאָטערס שטילער ערנסט — דאָס אַלץ צעשרויפט אים אַזוי, אַז אים וואָלט זיך אַזש וועלן וויינען.

וואָליע איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין יינגל, אַ צעפּעסטעט מעזיניקל. אַ גאַנצן טאָג שפּילט ער זיך אין גאָרטן. לויפט

וואַליע מיט זיין הינטל

אַרום אין גאַס מיט זיין הונט, דרייט זיך אַרום דער מאַמעס פאַרטוך און דערקוטשעט:

— מאַמע, וואָס זאָל איך טאָן? מאַמע, אין וואָס זאָל איך מיך שפּילן, מאַמע?

אין די קאַלטע ווינטערטעג איז אים גאָר אומעטיק און לאַנגווייליק. אינדערפרי גייען אַלע אוועק. ער בלייבט אין גרויסן הויז אַליין מיט דער מוטער. ער דרייט זיך אַרום פון איין צימער אין דעם אַנדערן. ער וויל עפּעס טאָן. נאָר וואָס ער טוט — איז ער נישט צופרידן.

דערפאַר אָבער זענען פאַר אים די אָוונטן אַן אמתע דערלייכטערונג. אין די אָוונטן ווערט וואָליע גאָר אַן אַנדער מענטש. די שוועסטער און די ברידער קומען אַהיים. די שוועסטער שפּילט פּיאַנאָ, אַ ברודער שפּילט פּידל. און איין ברודער שפּילט אַף וואָסער אינסטרומענט מע וויל נאָר. ער האָט אַ גאַנצע זאַמלונג פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן: אַ טרומייט, אַ פידל, אַ פליוט, אַ וויאָלאָנטשעל, אַ גיטאַר און אַ קאָנצערטינאַ — און אַף אַלע קען ער שפּילן.

דערנאָך קומען באַקענטע אין די אָוונטן. דער שוועסטערס באַקענטע און די ברידערס באַקענטע. מע זינגט, מע טאַנצט און מע דעקלאַמירט, מע רעדט וועגן שרייבער און מוזיקער.

וואָליע אַליין שפּילט נאָך נישט. ער האַלט זיך אָבער פאַר אַ גאַנצן מבין (מייוון) אַף מוזיק. די ברידער פרעגן אים אָפט מיט גרויס ערנסטקייט, ווי סע געפעלט אים זייער שפּילן, און ער זאָגט זיי מבינות (מעווינעס).

איינמאָל פרעגט אים זיינער אַ ברודער, ווי ס'איז אים געפעלן געוואָרן ליסטס ראַפּסאָדיע, וואָס ער האָט געענדיקט שפּילן.

— גוט, — ענטפערט וואָליע — נאָר דאַכט זיך, אַביסעלע צו גיך.

און ס'האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען גערעכט. די דערוואַקסענע האָבן אויך צוגעגעבן, אַז ער האָט געשפּילט צו גיך.

וואָליע פילט, אַז ווען מע זאָל אים נאָר קויפן אַ פידל, אָדער אַ פּליט — וועט ער ווייזן וואָס ער קען. ער איז זיכער, אַז ער וועט אַזוי שפּילן, אַז הערצער וועלן צעגיין. ער וועט מיט זיין שפּילן צוריקברענגען די פאַרבלאָנדזשעטע אָפן גלייכן וועג, שלעכטע וועלן ווערן גוט, זינדיקע וועלן חרטה האָבן און תשובה טאָן. ער וועט מיט זיין שפּילן וואונדער באַווייזן.

אָ, די ווינטער-אָוונטן, זיי זענען אַן אמתע פרייד פאַר וואָליען. בפרט אַז דער פאָטער קומט אַהיים, און נעמט רעדן מיט דער מוטער. וואָליע האָט ליב צוצוהערן זיך ווי דער פאָטער רעדט און דערציילט. אים ווערט דעמאָלט אַזוי גוט אָפן הארצן.

נישט אַלץ, וואָס דער פאָטער דערציילט, פאַרשטייט ער, נישט אַלץ, וואָס מע רעדט, איז אים קלאָר. און דאָך זענען די רייד אַזוי אינטערעסאַנט. די ווערטער, די נעמען טראָגן אים אַריבער אין ווייטע לענדער און וועלטן.

איינמאָל, נאָכן עסן, דער פאָטער זיצט נאָך ביים טיש מיט דער מוטער, און זיי רעדן. ער הערט ווי דער פאָטער דערציילט וועגן יידן. אין אַסך שטעט האָט מען געשלאָגן יידן, פון אַסך שטעט האָט מען געטריבן יידן. יידישע געשעפטן האָט מען אויסגערויבט, יידישע הייזער האָט מען געפּלינדערט. גראַף איגנאַטיעוו האָט אַרויסגעגעבן שווערע געזעצן קעגן יידן.

וואָליע איז פאַרכאַפּט פון דעם אַלעמען. ער זיצט אָן אַ זייט און הערט. דער נאָמען איגנאַטיעוו איז אים גוט באַקענט. ער האָט שוין פריער געהערט, אַז דערדאָזיקער איגנאַטיעוו איז אַ מאָדים אָף צו רודפן (רוידעפן) יידן. דאָס מאָל אָבער האָבן דעם פאָטערס רייד געקלונגען עפּעס אַזוי רירנדיק און האַרציק.

און בעת דער פאָטער האָט גערעדט — איז וואָליע געווען פאַרנומען מיט זיין הונט. מע האָט געקענט מיינען, אַז ער הערט גאָרנישט נים, וואָס דער פאָטער דערציילט. מיטאַמאָל אָבער האָט ער אָנגעהויבן שרייען אָף דעם הונט, און ער האָט אויסגעשאָסן אין אַ געוויין:

— איגנאַטיעוו! דו, איגנאַטיעוו איינער! פאַרוואָס שלאָגט מען יידן?

די מוטער האָט אים קוים איינגענומען.

וואָליע און זיין שוואָגער זשאַבאַ

וואָליע איז שוין דעמאָלט געווען אַ ייִנגל פון פערצן, פופצן יאָר. ער איז געגאַנגען אין גימנאַזיע, האָט זיך גוט געלערנט און אַסך געלייענט.

אין יענער צייט האָט ער זיך אָנגעהויבן באַקענען מיט די געשעענישן אין לאַנד. זיין שוואָגער זשאַבאַ האָט אים גענומען באַקענען מיט פּאָליטיק. ער האָט אים געלערנט לייענען אַ צייטונג, און דייקע די פּאָליטישע אַרטיקלען, די ליטעראַרטיקלען און די אַרבעטער-נייעס.

וואָליען איז דאָס אָנגעקומען אַביסל שווער. נישט אַלץ איז אים געווען קלאָר. ער האָט זיך עפּעס נישט געקענט פאַרנאַנדערקלייבן אין די אַלע געשעענישן. די פּאָליטישע אַרטיקלען האָבן עפּעס אויסגעזען אָן אָן אָנהייב. זיי זענען מיינסטנס אַ המשך (העמשעך) פון אַ פריערדיקער זאַך, וואָס איז אים גאָרנישט ניט באַקענט.

אין דידאָזיקע אַרטיקלען שווייבלט און גריבלט מיט אַלערליי נעמען און ווערטער און געשעענישן. מע דערקלערט אָבער נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. מע רעכנט אַוודאי, אַז דער לייענער ווייסט שוין דאָס אַליין.

וואָליע האָט אָבער נישט געוואוסט וואָס די אַלע געשעענישן באַדייטן. פאַר אים איז דאָס געווען פּונקט ווי פאַר אַ שילער, וואָס איז נישט געווען אַ שטיק צייט אין קלאַס. און ווען ער קומט דערנאָך צוריק און הערט ווי מע רעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן, וואָס די אַנדערע שילער האָבן אין משך

(מעשעך) פון דער צייט געלערנט — קלינגט דאָס פאַר אים פרעמד — טאַטעריש.

דערפאַר אָבער האָט וואָליע פאַרשטאַנען וואָס דער שוואָגער דערציילט אים און לערנט. ער האָט ליב געהאַט צו־צוהערן זיך צו זשאַבאַס שמועסן. פון דעם שוואָגערס שמועסן האָט ער מער געלערנט ווי פון אַסך אַרטיקלען און ביכער. נייע וועלטן האָבן זיך געעפנט פאַר וואָליען. אמת, דאָס וואָרט „רעוואָלוציע" איז אין זיין פאַרשטעלונג נאָך דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט בלוט און טעראָר. אז רעוואָלוציע האָט אַ שייכות צו דער נויט פון די אָרימע מאַסן — האָט ער דעמאָלט נאָך נישט פאַרשטאַנען. וואָליען האָט אָבער געפּייניקט דער געדאַנק, וואָס אַף דער וועלט זענען פאַראַן אַזויפיל אָרימע מענטשן. אין גאַס זעט ער שטענדיק אָרימעלייט און בעטלער. ער האָט אַ באַגער צו טאָן עפּעס פאַר זיי, זיי צו העלפן.

דאָס וואָרט „רעוואָלוציע" האָט זיך אין זיין געדאַנק פאַר־בונדן מיט הארגענען דעם צאַר. מיט זיינע חברים האָט וואָליע אַמאָל גערעדט וועגן ערד, וואָס מע וואָלט באַדאַרפט צו געבן די פּויערים. איין חבר איז געווען מיט דער מאָדנער מיינונג, אַז דער צאַר וואָלט דאָס אַוודאי שוין לאַנג געטאָן, נאָר ער האָט מורא, אַז מע וועט אים דערפאַר דערהאַרגענען, פּונקט ווי מע האָט דערהאַרגעט דעם פריערדיקן קייסער, דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. און פאַר דעם וואָרט ק י י ס ע ר האָט וואָליע געהאַט גרוואַלטיקן אָפּשיי און דרך־ארץ.

וואָליעס ליבשאַפט צום קייסער האָט גאָר נישט קיין גרע־ניץ. צי דער קייסער איז גוט, צי שלעכט — האָט ער אין דער אמתן נישט געוואוסט. ער האָט וועגן אים געהערט געוויינטלעך נאָר גוטס. וואָרן קיין שלעכטס האָט מען דאָך נישט געטאָרט

שרייבן וועגן קייסער. דער ק י י ס ע ר איז ביי אים דעריבער אָרומגעהילט מיט גלאַנץ און פייערלעכקייט. ער זעט אים תמיד אַרומגערינגלט מיט גרויסע פירשטן און גענעראַלן אין לענ־טעס און מיט אַלערליי מעדאַלן. זיין לייבוואַך באַשטייט פון הוזאַרן אין רויטע מונדירן, און פון זעלנער אין גילדענע קי־ווערס און פאַנצערס.

וואַליע חלומט שטילערהייט און פאַנטאַזירט: ער ווערט אַ מיליטער־מענטש, טראָגט אַ פּרעכטיקן מונדיר מיט אַ שווערד און שפּאָרן. ער דינט אין קייסערס לייבוואַך, און באַשיצט אים פון די שלעכטע פּריצים, וואָס ווילן מאַכן אַף אים אַן אָנפאַל. און דאָ טרעפט זיך גראָדע: דער קייסער אַליין דערזעט זיין געטריישאַפט. ער וואַרפט אַן אויג אַף אים און קריגט אים ליב. דער קייסער פאַרבעט אים צו זיך אין פּאַלאַץ אַריין, און — ער ווערט אַ קרוב־למלכות (קאָרעוו־לעמאַלכעס).

איינמאָל פרעגט אים דער קייסער:

— זאָג, ווי געפעלט דיר מיין ממשלה (מעמשאָלע)? ווי לעבט זיך עם ביי מיר אין לאַנד? און וואָס זאָל איך טאָן, אַז אַלץ זאָל זיין גוט, און אַז ס'זאָל נישט זיין מער קיין אָרימקייט?

און ער, וולאַדימיר מעדעם, גיט דעם קייסער אַ קלאָרן און דרייסטן ענטפער, און זאָגט אים ווי אָפּצושאַפן נויט און אָרים־קייט און אַלע אומרעכטן אין לאַנד.

דעם קייסער געפעלט זיין עצה און ער מאַכט אים פאַר זיין בעל־יועץ (באַל־יויעץ).

אַזוי פלעגט וואַליע פאַנטאַזירן. נאָר דאָס איז געוועזן פריער, איידער זשאַבאַ, דער שוואָגער זיינער, האָט מיט אים גענומען קנעלן און לערנען, איידער ער האָט אים אויפגעקלערט, אַז אפילו דער בעסטער מלך קאָן נישט וויסן אַלץ, וואָס סע טוט זיך אין לאַנד. וואָרן יעדער מלך רעגירט מיט דער הילף

פון די מיניסטאָרן. און די מיניסטאָרן טוען וואָס זיי ווילן. טוען די מיניסטאָרן טאַקע אָפּט נישט קיין גוטס. דערפאַר ערשט נויט און אומרעכט. מע נעמט באַשטעכונג און מע טוט רשעות (רישעס).

מע דאַרף דעריבער קוקן די מיניסטאָרן אויף די פינגער. און דאָס קאָן טאָן נאָר אַ פּאַרלאַמענט, וואָס ווערט אויסגעקליבן פון דעם פאָלק. און כדי מע זאָל דאָס קענען דורכפירן — דאַרף מען האָבן אַ קאָנסטיטוציע.

דאָס איז זייער פּשוט און קלאָר. וואָליען לייגט זיך דאָס אויפן שכל (סייכל), און סע מאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק.

אַזוי איז וואָליע געוואָרן אַ פאַרברענטער אָנהענגער פון אַ קאָנסטיטוציע.



וואָליע ווערט אַן אַנדער מענטש

יאָרן גייען. וואָליע איז שוין אין לעצטן קלאַס גימנאַזיע. אין די לעצטע יאָרן האָט ער אַסך געלייענט און געלערנט. זיין גלויבן אין גאָט איז בּיסלעכווייז אויסגעוועפּט געוואָרן. דערפאַר אָבער איז געוואַקסן אין אים די ליבשאַפט צו די אונטערדריקטע און באַוולטע.

וואָליע האָט זיך אַזוי גענומען צום האַרצן די ליידן פון די אָרימע, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פאַרוויילונגען און פאַרגעניגנס. ער האָט אופגעהערט גיין צו קאָנצערטן און אין טעאַטער. וואָרן ווי קאָן מען פאַרבּרענגען פריילעך און זיין לוסטיק, אַז אַף דער וועלט זענען פאַראַן אַזויפיל צרות און אומגליקן ?! אַז פאַראַן זענען מענטשן, וואָס ווייסן קיינמאָל נישט דעם טעם פון פרייד ?! און סע הערשט אַזויפיל שנאה, איין מענטש דעם אַנדערן האָט פיינט. רדיפות אַף יידן האַלטן אַן.

אַט איז איין שיינעם טאָג שיר געווען אַ פּאָגראָם אין שטאָט. ער אַליין האָט געזען ווי אַ פּויער האָט אויפגעהויבן אַ שטיין און אים אַ שליידער געטאָן אין אַ פענסטער פון אַ יידיש געוועלב.

אין מאַרק איז געוואָרן אַ געוואַלד. יידן האָבן גלייך פאַר־מאַכט די קראָמען, און זיי זענען געשטאַנען צעטומלטע און בלייכע. מע האָט געציטערט פאַר אַן איבערפאַל. ס׳האָבן זיך גלייך באַוויזן גאַנצע מחנות (מאַכנעס) זעלנער מיט געלאָדענע ביקסן, און האָבן אַנגעוואָרפן אַ פּחד (פּאַכאַד) אַף אַלעמען.

וואָליע איז יענעם טאָג אַוועק פון מאַרק אַ צערודערטער. ער איז מיטן גאַנצן האַרצן אַף דער זייט פון די יידן. ער איז גע־ווען גרייט, ווען סע ברעכט אויס אַ געשלעג, זיך איינצושטעלן פאַר די געקריוודעטע. זיין האַרץ איז געווען לויטער רחמנות און ליבע צו די פאַרפאָלגטע און באַוואולטע. און ער האָט גע־טראַכט:

— אָ, ווען דער שטראָם פון ליבע, פון דער ליבע צו גאָט, וואָס גייט פון מיליאָנען הערצער אין הימל אַריין, ווען דער־דאָזיקער שטראָם פון ליבשאַפט וואָלט אַנשטאָט צום הימל — זיך אַ קער געטאָן צו דר׳ערד, צו די מענטשן און פאַר די מענטשן — אָ, וויפל צרות און ליידן סע וואָלטן פאַרשוואונדן פון דער ערד!

אין קלאָס האָט לעצטנס אויך געטראָפן אַ פאַל, וואָס לאָזט אים נישט רוען. אַ קריסטלעכער שילער איז צו אים צוגע־גאַנגען און האָט אים אַ זאָג געטאָן אין פּנים אַריין:

— וולאַדימיר מעדעם, ייד פאַרשיווע!

וואָליע האָט זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן דערנעענטערן צו יידן. וואָרן נישט איינמאָל האָט ער זיך אַליין געפרעגט:

וואָס איז ער? און צו וועמען דאַרף ער געהערן — צו יידן, אָדער רוסן? און פאַר אים איז געווען איין ענטפער: ער דאַרף געהערן צו יידן און גיין צו יידן. וואָרן יידן לײַדן. זיי לײַדן פיזיש און גייסטיק. און ער געהערט צו די, וואָס לײַדן.



וואָליעס פריינט זענען כמעט אַלע יידן. ער גייט אָפט צו זיי אַהיים און פאַרברענגט אין זייער יידישער סביבה. ביי איין חבר אין הויז זינגט מען יידישע לידער. דאָס יידישע לשון רייסט אים שוין מער נישט דאָס אויער.

צווישן די דריי צענדליק שילער אין זיין קלאַס — זענען די עטלעכע יידן די אינטעליגענטערע. אין זייער סביבה האָט זיך דעריבער וואָליע געפילט בעסער ווי אין דער גויעשער.

אַזוי האָט זיך וואָליע ביסלעכווייז דערנעענטערט צו יידן. סע האָט אין אים דערוואַכט אַ באַגער צו יידישקייט. ער

האָט זיך גענומען לערנען די יידישע אותיות. דער אַלטער תנ"ך פון זיין פאָטער האָט אין דעם געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. אין דערהיים נעמט ער יעדן טאָג ארויס דעם תנ"ך און לייענט, לייענט. ער לייענט די קאַפּיטלעך, וואָס זיין פאָטער האָט מיט אים אַמאָל געלייענט.

וואָליע איז פאַרכאַפּט פון די וואונדערלעכע ספרים פון תנ"ך. וואו ער מישט אויף — לייענט ער רייד פון שיינקייט און אמת. און אים האָט זיך זייער געוואָלט קענען לייענען די נביאים אין אָריגינאַל, נישט אין אַ סלאַווישער, אָדער פראַנצייזישער איבערזעצונג. אין אים האָט דערוואַכט אַ חשק (כיישעק) צו קענען לשון־קודש (לאָשן־קוידעש). ער האָט דע־ריבער אָפּגעמאַכט מיט צוויי באַקאַנטע יידישע בחורים, זיי זאָלן אים לערנען העברעאיש, און ער וועט זיי דערפאַר לער־נען רוסיש.

און וואָליע האָט זיך פלייסיק געלערנט.

דער גרויסער סטודענטן-סטרייק

ווי אַ שטורעם האָט זיך איבער גאַנץ רוסלאַנד צעטראָגן די נייעס, אַז אין פּעטערבורג (לענינגראַד) איז די פּאָליציי באַפאַלן די סטודענטן און האָט זיי געשלאָגן. די פּעטערבורגער סטודענטנשאַפט האָט דעריבער ארויסגעשיקט דעלעגאַטן איבער אַלע אוניווערזיטעטן אין לאַנד, אופצוהייבן אַ פּראָטעסט-באַוועגונג.

די קיעווער סטודענטן זענען געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך מיטן גאַנצן ברען אָפּגערופן אױף דעם רוף פון פּעטערבורג. זיי האָבן צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג אין דער גרעסטער אוידיטאָריע פון אוניווערזיטעט. דער פּעטערבורגער דעלעגאַט, אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ שיינער, רואיקער באַס-שטימע, האָט אױף דער פאַרזאַמלונג גערעדט וועגן די געשעענישן. ער האָט דערציילט קלאָר און זאַכלעך ווי די פּאָליציי איז באַפאַלן די פרידלעכע סטודענטן, בעת זיי זענען געגאַנגען אין מחנות פון דעם פייערלעכן פּאַראַד, וואָס די אוניווערזיטעט פירט דורך איין מאָל אַ יאָר.

גייען אין מחנות איז אָבער פאַר מענטשן אין רוסלאַנד געווען פאַרבאָטן.

דער דעלעגאַט האָט גערעדט רואיק. דער גאַנצער זאַל האָט אָבער געציטערט פון אופרעגונג. די קיעווער סטודענטן האָבן צום סוף מיט גרויס באַגייסטערונג באַשלאָסן: אַ פּראָטעסט-באַוועגונג אין דער פאָרם פון אַ סטרייק.

די סטודענטנשאַפט איז שוין דעמאָלט געווען גוט אָרגאַניזירט אין „לאַנדסמאַנשאַפטן". אין אוניווערזיטעט זענען

געווען סטודענטן פון אַ סך שטעט און געגנטן. סטודענטן, וואָס זענען געקומען פון איין שטאָט, אָדער געגנט, זענען געווען פאַרבונדן אין אַ לאַנדסמאַנשאַפט-פאַראיין. די פאַראיינען האָבן זיך פאַרנומען מיט סטודענטישע ענינים (איניאָנים), מיט בילדונג און מיט קעגנזייטיקער הילף.

וולאַדימיר מעדעם — וואָליעס פולער נאָמען — איז געווען טעטיק אין פאַראיין פון די מינסקער סטודענטן. דאָ האָט ער זיך געפילט היימיש און גוט. אויף די זיצונגען האָט ער אַלעמאָל גערעדט און געמאַכט פּלענער פאַר פאַרשידענע אַרבעטן.

איינמאָל איז אויף אַ זיצונג פאָרגעקומען צווישן די סטודענטן עפּעס אַ סיכסוך. דער עולם האָט זיך געקאָכט און געטומלט. מיטאַמאָל האָט זיך עמיצער צעפּייפט.

— דאָס איז אַ ייִדישע פּייפעריי! — האָט איינער אויסגעשריגן.

ס'איז געוואָרן אַ מהומה. אַן אַנטיסעמיטישן אויסרוף אין דער סטודענטישער סביבה — דאָס האָט מען נישט געטאָרט דערלאָזן!

מע האָט געכאַפּט דעם בחור און מע האָט אים געמשפּט. מע האָט צונויפגערופן אַן עקסטרע פאַרזאַמלונג פון אַלע סטודענטן אין אוניווערזיטעט. מע האָט געהאַלטן פייערדיקע רעדעס. צוויי טעג האָט געדויערט דער משפּט. און דער יונגער אַנטיסעמיט האָט געקריגן זיין פאַרדינטן פּסק.

מעדעם איז דעמאָלט געווען אויף דעם מעדיצינישן פאַקולטעט. ער האָט געכאַלעמט גרויסע חלומות: ווערן אַ באַרימטער געלערטער, אַ פּראָפעסאָר. און אויב נישט דאָס — איז דאָקטאָריע אויך אַ גוטע פּראָפעסיע. די מענטשהייט איז קראַנק. זי איז קראַנק פיזיש און גייסטיק. מע דאַרף איר



די טויערן פון דער אוניווערזיטעט זענען געשלאָסן

העלפֿן. ער וועט אָנהייבן מיט די פּיזיש־קראַנקע. ער וועט זיי היילן, לינדערן זייערע ווייטיקן. אַזוי וועט ער ברענגען נוצן דער ליידנדיקער מענטשהייט.

דערווייל האָט זיך דער סטרייק פֿאַרצויגן אין דער לאַנ־גער באַנק אריין. אַ וואָך נאָך אַ וואָך. עס זענען אַוועק חדשים. יעדן טאָג זענען געווען זיצונגען. מעדעם האָט זיך געפֿונען אין צענטער פֿון דעם סטרייק.

אַ נײַ לעבן האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן פֿאַר מעדעמען. די פֿאַרזאַמלונגען זענען געווען אמתע יום־טובים. די גרויסע אווידיטאָריע מיט די בענק רונדאַרום, אַ רײַ איבער אַ רײַ, ביז אונטער דער סטעליע, האָט אויסגעזען ווי אַן אַמפֿיטעאַטער. יעדע פֿאַרזאַמלונג איז געפּאַקט מיט אַ טויזנט־קעפּיקן עולם, לויטער יונגע, געזונטע מענטשן, פֿול מיט ערנסט און באַגײַס־טערונג. יעדער רעדנער רעדט באַהאַרצט און פֿײַערלעך. די רייד קומען פֿון האַרצן און גייען אַרײַן אין האַרצן.

די רעגירונג האָט אָבער אויך נישט געשוויגן. זי האָט אַרופֿגעלייגט איר שווערע לאַפּע אויף די אוניווערזיטעטן: האָט בטל (באָטל) געמאַכט די אַקאַדעמישע זעלבסטפֿאַרוואַלטונג, האָט אַרויסגעגעבן אַלערלײ געזעצן און מע האָט נאָכגעשפּיאָ־נירט יעדן סטודענט.

די יוגנט האָט פּראָטעסטירט. מ׳איז יעדן טאָג געקומען אין אוניווערזיטעט אַכטונג געבן, דער סטרייק זאָל נישט גע־בראָכן ווערן. מע האָט אַרויסגעגעבן אַ העקטאָגראַפֿירטן בולע־טין מיט די לעצטע נײַעס וועגן דעם גאַנג פֿון סטרייק. מ׳איז געזעסן ביז שפּעט אין די נעכט און אַרומגערעדט די לאַגע, געמאַכט פּלענער און אָנגענומען מיטלען ווי אָנצוהאַלטן די געהעריקע שטימונג ביים עולם.

איין שיינעם טאָג, די סטודענטן קומען צו גיין אין אוני־ווערזיטעט, ערשט — די טויערן זענען פאַרשלאָסן. דאָס איז פאַר די סטודענטן געווען אַ שווערער קלאַפּ. דער אוניווער־זיטעט איז דאָך געווען פאַר זיי דער איינציקער פּלאַץ, וואו מע קאָן זיך פאַרזאַמלען און אָנפירן דעם סטרייק.

די סטודענטן האָבן זיך אָבער נישט פאַרלוירן. מע האָט גלייך באַשלאָסן אָנצופירן דעם קאַמף אין דרויסן.

באַלד אָבער האָט זיך באַוויזן מיליטער. אין עטלעכע מינוטן אַרום האָבן די זעלנער אַרומגערינגלט די סטודענטן פון אַלע זייטן און מע האָט זיי אַוועקגעפירט אין טורמע אַריין. צום ערשטן מאָל אין לעבן זענען דידאַזיקע יונגע מענטשן אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אַ טורמע. מע האָט אָבער קיינעם נישט געשלאָגן. מ׳איז זיך מיט זיי באַגאַנגען מיט חסד (כעסעד).

מיט האַרצקלאַפּעניש האָט מעדעם זיך צוגעקוקט צו די דיקע ווענט און צו די גראַטעס אױף די פענסטער. ער איז טאַקע אַליין נאָך קיינמאָל נישט געווען הינטער טורמע־ווענט — ער האָט זיך אָבער דעמאָלט שוין אַסך אָנגעהערט און אָנגעלייענט וועגן די רוסישע טורמעס.

אױפן אַנדערן טאָג האָט מען זיי אַלעמען צוריק אַרויס־געלאָזן. די אוניווערזיטעט איז אָבער געבליבן געשלאָסן. און צו די עקזאַמענס זענען יענעם סעמעסטער געגאַנגען בלויז געציילטע סטודענטן.

נאָך דערפאַר האָט זיך אָנגעהויבן אין אוניווערזיטעט אַ רייניקונג. גאַנצע מחנות סטודענטן האָט מען אויסגעשלאָסן און זיי אַרויסגעשיקט אין זייערע היימשטעט. פריינט זענען צעשיידט געוואָרן. חלומות זענען צערונען געוואָרן. ס׳איז געווען עפּעס נישט גוט.

מעדעמען האָט מען פון אָנהייב נישט געטשעפּעט. ער האָט זיך אָבער געפילט פאַרלאָזן און איינזאַם. ער איז אַרומגעגאַנגען און האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. די מיינסטע פון זיינע חברים האָט מען אויסגעשלאָסן און אַרויסגעשיקט.

ער האָט זיך אָבער אומזיסט געערגערט. אין גיכן איז געקומען אויך זיין צייט. נאָך דעם ווי מע האָט אַרויסגעשיקט די שילער פון די עלטערע קלאַסן — האָט מען זיך גענומען צו די יינגערע.

איין שיינעם פרימאָרגן האָט מען געבראַכט מעדעמען אַ צעטל, אַז ביז 24 שעה מוז ער פאַרלאָזן קיעוו און פאָרן צוריק קיין מינסק, זיך שטעלן אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי.

און מעדעם איז געפאָרן.

אַ לעקציע אין סאָציאַליזם

מעדעם איז געוואָרן צוריק אַ מינסקער תושב (טווישאָוו). ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער באַוועגונג, האָט אָנגעהויבן קומען אין די אַרבעטער-קרייזלעך, האָט זיך באַקענט מיט די פירער, און האָט מיט גרויס פליים געשטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

אין יענער צייט האָט ער זיך גענומען לערנען מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל״. נישט לייענען, נאָר טאַקע לערנען ווי מען לערנט אַ בלאַט גמרא (געמאָרע). וואָרן דאָס איז אַ בוך וועגן ערדישע, עקאָנאָמישע זאַכן, געשריבן אין אַ שטרענג מאַטעמאַטישער פאָרם. מע מוז דורכנעמען יעדע שורה, און דערגרונטעווען יעדעס וואָרט.

מעדעם האָט דורכגעלעבט וואונדערלעכע טעג, בעת ער האָט געשטודירט דאָסדאָזיקע בוך. סאַראַ פרייד סע האָט אים דעמאָלט באַהערשט ביים נאָכגיין טריט-ביי-טריט דעם גאַנג פון דערדאָזיקער וואונדערלעכער לערע. זען ווי סע וואַקסט אַ שטאָק אַף אַ שטאָק, העכער און העכער, ביז סע דערהייבט זיך אַ שטאָלצער בנין (ביניען) פון זעלטענער שיינקייט.

אין יענער צייט האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, וואָס האָט געקעמפט קעגן דער ריכטונג פון די

רוסישע „פּאָלקיסטן". די „פּאָלקיסטן" האָבן נישט געגלייבט, אַז אין רוסלאַנד וועט זיך קענען אַנטוויקלען דער קאַפּיטאַליזם. זיי האָבן אַלץ געבויט אַפן פּויער, און האָבן געגלייבט, אַז דורך די פּויערים וועט קומען די ישועה פאַר דער מענטשהייט. מע האָט געקוקט אַף דעם פּויער ווי אַף אַן אָפּגאָט. די „פּאָלקיסטן" האָבן געהאַלטן, אַז דער פּויער איז דער אמתער טרעגער פון סאָציאַליזם.

מעדעם איז אָבער געווען אַ מאַרקסיסט, און ער האָט שוין געהאַט אַן אַנדער באַגריף וועגן סאָציאַליזם. די מאַרקסיסטן האָבן געהאַלטן, אַז אין רוסלאַנד וועט זיך קודם־כל (קוידעם־קאָל) אַנטוויקלען דער קאַפּיטאַליזם ווי אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, און אַז דער טרעגער פון דער רעוואָלוציע איז דער אַרבעטער־קלאַס.

און וואָס מעדעם האָט געגלייבט — האָט ער געלערנט אַנדערע. ער האָט געשריבן אַרטיקלען פאַר דעם „מינסקער אַרבעטער", אַ צייטונג, וואָס ער און חברים האָבן אַרויסגעגעבן, האָט צוגעצויגן אַרבעטער צו דער באַוועגונג, האָט אַראַנזשירט געהיימע פאַרזאַמלונגען: זומער אין וואַלד, אָדער אַף שיפלעך אינמיטן טייך, און ווינטער אין די וואוינונגען פון אָרימע אַרבעטער.

ער האָט אויך אָנגעפירט מיט אַ קרייזל. די אַרבעט אין קרייזל איז באַשטאַנען אין לערנען די אַ־ב־עטער: קודם־כל לייענען און שרייבן, נאַטור־וויסנשאַפט, און דערנאָך האָט מען געענדיקט מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

איינמאָל, בעת ער איז געזעסן מיט אַ נייער גרופּע אַרבעטער און האָט מיט זיי געקנעלט וועגן סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — האָט ער אין פאַרבינדונג מיט דעם דערמאַנט

דעם נאָמען קאַרל מאַרקס. די אַרבעטער האָבן זיך עפּעס אַ כאַפּ געטאָן. די מייניסטע פון זיי האָבן שוין געהאַט געהערט וועגן מאַרקס׳ ווערק „קאַפּיטאַל״, זיי האָבן אָבער געהאַט וועגן דעם אינגאַנצן אַ פאַרקערטע פאַרשטעלונג.

— וואָס הייסט, — האָט איינער פון זיי געפרעגט — ווי קומט דאָס מאַרקס צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע? די סאָ־ציאַליסטן זענען דאָך קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, און מאַרקס האָט גאָר געשריבן אַ בוך וועגן דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַל?! סע בינדט זיך עפּעס נישט איינס מיטן צווייטן.

און מעדעם האָט זיי גענומען אויפקלערן:

— ניין, די זאַך איז נישט אַזוי. אמת, מאַרקס האָט טאַקע געשריבן וועגן קאַפּיטאַל, ער האָט אָבער אויפגעוויזן, אַז די אַנטוויקלונג פירט צו דעם, אַז דער קאַפּיטאַליזם, ווען ער וועט דערגרייכן די העכסטע מדרגה (מאַדרייגע), וועט ער

אַליין ברענגען צו דעם סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם איז זיין נאַטירלעכער אויסגאַנג.

די אַרבעטער האָבן געכאַפּט דעם זין. דאָס איז פאַר זיי געווען אַן אמתע אַנטפּלעקונג. זיי איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן דער גאַנצער ענין (איניען). וואָרן אַסך האָבן דעמאָלט געקוקט אַף די סאָציאַליסטן ווי אַף טרוימער, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט פאַנטאַסטישע פּלענער, און ווילן מיט איבערפאַלן און באַמבעס מאַכן עפּעס אַן איבערקערעניש. מעדעם האָט זיי קלאָר געמאַכט, אַז סאָציאַליזם איז גאָר עפּעס אַנדערש. ס'איז נישט קיין פאַנטאַזיע, נישט קיין חלום, נאָר דער נאַטירלעכער גאַנג פון דער גאַנצער מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

יענעם טאָג איז מעדעם געקומען אַהיים שפּעט. ביינאַכט זענען געקומען זשאַנדאַרן, האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון בעט און אים אַרעסטירט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים אריבערגעפירט קיין מאָסקווע און אַריינגעזעצט אין טורמע אריין.



וואוהין?

אינגיכן איז מעדעם ארויסגעלאָזט געוואָרן פון טורמע. ער איז געזעסן בלויז עטלעכע וואָכן. איבער אים איז אָבער געהאַנגען די סכנה (סאַקאָנע) פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ הארבע שטראָף. די משפחה האָט נישט געררוט. זיי האָבן געאַרבעט מעשים, אים צו ראַטעווען. וואָרן מעדעם איז געווען אַ שוואַכער מענטש, און זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זיין געזונט. סוף־כל־סוף האָבן די קרובים געפּועלט, אַז ביז דער פּראָצעס וועט זיך אָנהייבן זאָל מען אים לאָזן אַהיימפאָרן קיין מינסק. זיי האָבן אָבער געמוזט קאַווירן פאַר אים, אַז זיי וועלן אים היטן, ער זאָל חלילה נישט אַנטלויפן.

געקומען אַהיים — האָט זיך מעדעם גענומען צוריק צו זיין אַרבעט. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין פאַך־יוניאָנס. וואָרן כדי די פּאַרטיי זאָל וואַקסן און ווערן שטאַרק, מוזן די אַרבעטער קודם אויסקעמפן מענטשלעכע אַרבעט־באַדינגונגען: לייטישן לוין און קירצערע אַרבעט־שאָען. אין קאַמף פאַר זייער שטיקל ברויט — וועלן זיי אין־איין־וועגס דורכגיין די שול פון אייניקייט, די שול פון סאָלידאַריטעט.

אין יענער צייט איז ביי מעדעמען פאַרשטאַרקט געוואָרן דער געפיל פאַר יידישקייט. ער האָט זיך אָנגעהויבן דער־נעענטערן צו די יידישע מאַסן. און כדי צו באַקענען זיך מיט דעם יידישן פאָלקסלעבן — האָט ער ליב געהאַט אַרומצו־

אַן אַלטער ייד, איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן, שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות

שלייען זיך איבער די יידישע גאסן און אלייען, צוקוקן זיך צו יידישער ארבעט און ארימקייט. אים האט געצויגן צו דעמ־דאזיקן יידישן לעבן, און ער אליין האט געוואלט ווערן איינער פון די, צו וועמען אים האט געצויגן.

איינמאל האט מעדעם באמערקט אין גאס א רירנדיק בילד: אן אלטער ייד, אן אפגעריסענער, איינגעבויגן אין דרייען, גייט איינגעשפאנט אין א וואגן אנשטאט א פערד, און שלאגט זיך ארום פון די כוחות.

א פארביטערטער האט מעדעם געטראכט ביי זיך:

— אט דאס איז א פארשטייער פון דעם פאלק, וואס אנטיסעמיטן רופן עס אן „דאס פאלק פון עקספלואטאטארס"!

פאר מעדעמען האבן זיך געעפנט אסך וואונדן פון דעם יידישן לעבן. פאר אים האט זיך אויך אנטפלעקט די גרויסע שיינקייט פון דעם יידישן לעבן. אין די יידישע יום־טובים און שבתים האט ער אלעמאל ליב געהאט צו גיין איבער די יידישע קווארטאלן. אין די גאסן הערשט דעמאלט אזא שטילע פייערלעכקייט. די קינדער זענען אויסגעפוצט, אלע גייען אנגעטאן זויבער און ריין. אפילו אף דעם ארימסטן ייד און אף דעם ארימסטן יידישן הויז רוט א פייערלעכע יום־טובדיקייט.

איינמאל איז ער מיט זיינעם א חבר געגאנגען צו כל־נדרי (קאל־נידרע) אין שול אריין. די שול איז פול מיט מתפללים (מיספאלעלים). אלע שטייען איינגעהילט אין טליתים (טאלייסים), ס'איז ליכטיק און פייערלעך. עפעס גארנישט ניט ווי אין קלויסטער. דארט שטייט דער עולם שטיל און שווייגעוודיק. נאר דער גלח און דער כאר זינגען. דא אבער רוישט א ברויזנדיקע כוואליע. הונדערטער מתפללים טענהן זיך אוים מיט גאט הויך אף א קול. ס'איז א געוויין פון א גרויס

געפּייניקט האָרץ. הונדערטער קולות הייבן זיך אויף צום הימל. יעדעם קול פאַר זיך, און אַ צוזאַמענקלאַנג. דאָך גיסן זיי זיך אַלע צונויף אין איין ריזיקן, רוישיקן שטראָם. מעדעם דערפילט אין דעם געוויין און געבעט עפּעס אַ געוואַלטיקן כח, און אַ שיינקייט, וואָס סע פאַרמאָגט דאָס פלאַקערן פון אַ גרויסער נשמה פון אַ פאָלק.

די פּרייטיקצונאַכטסן האָבן פאַר מעדעמען אַ באַזונדערן חן. די יידישע גאַסן זענען ליידיק. אַלע געוועלבן זענען פאַרמאַכט. מע זעט זעלטן אַ מענטשן אין גאַס. אַלע שטיבער לייכטן מיט בענטשליכט, די בתי־מדרשים (באָטיי־מעדראָשים) — מיט שבתליכט. ער דערפילט אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צום יידישן לעבן און צו זיין ווייטער פאַרגאַנגענהייט. אים נעמט אַרום אַזאַ גוטע וואַרעמקייט, וואָס מע האָט נאָר צו אַן אייגענער, ליבער פאַרגאַנגענהייט.

„דער בונד"

אין מינסק איז שוין אין יענער צייט געווען אַ צווייג פון דער יידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע „דער בונד". דער בונדישער פּראָגראַם אָבער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו לייטערן. דער בונדיזם מיט זיין אייגענעם קוק אָף דעם יידישן לעבן און אָף דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג — האָט דעמאָלט ערשט געהאַלטן אין פורעמען זיך און ווערן.

שוין אין קיעוו האָט מעדעם געהערט וועגן „בונד". זיין דירה אין קיעוו איז געווען אַ זאַמל-אָרט פאַר מענטשן פון פאַרשידענע פּאַרטייען. ביי אים אין צימער האָבן זיך מענטשן געפילט היימיש און גוט. מעדעם אַליין איז געווען פריילעך און באַרעדעוודיק. ביז אין די שפּעטע אָוונטן האָט מען דיסקוטירט וועגן אַלערליי אָרגאַניזאַציעס און פירער, וועגן סאָציאַליסטישע שרייבער און אַרבעטער. דאָרט האָט מען אויך גערעדט וועגן דער נייער אָרגאַניזאַציע „בונד".

און טאַקע ווי נאָר מעדעם איז צוריקגעקומען קיין מינסק — איז ער אַריינגעטראָטן אין „בונד". ער האָט שוין פ אַ ר דעם געטראַכט וועגן די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. ער האָט זיך אַפילו ארומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַליין צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע יידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע.

אין מינסק האָט דעמאָלט געשוויבלט מיט אינטערעסאַנטע מענטשן און רעוואָלוציאָנערן. דאָרט זענען געווען „פּאָל-

קיסטן״, יונגע מאַרקסיסטן און סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן; דאָ איז געווען די באַרימטע „באָבע פון דער רוסישער רעוואָלוציע״ און גריגאָרי גערשוני. און אַלע פלעגן זיך צונויפקומען ביי גערשונין אין דער דירה.

גערשוני אַליין איז געווען אויסגעבונדן מיט דער גאַנצער ראַדיקאַלער מינסקער אינטעליגענץ. זיין הויז איז געווען אַן אמתער צענטער פון אַלערליי רעוואָלוציאָנערן. און ער אַליין איז אומעטום געווען פול. האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע, וואָס האָט געמאַכט פּלענער אָף אויסצובעסערן די יידיש־רוסישע שול — איז גערשוני געווען צווישן זיי; האָט מען איינגעאָרדנט קורסן פאַר דערוואַקסענע — איז ער געווען אין מיט; האָט מען זיך געגרייט צו מאַכן אַ חנוכה־אָוונט — איז גערשוני געווען דער ערשטער דאָס צו אָראַנזשירן.

אָף די אָוונטן ביי זיך אין הויז האָט גערשוני מיינסטנס גערעדט וועגן טעראָר. ער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער גרינדער פון דער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע „סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן״, האָט אָפט איינגעטאַינעט מיט מעדעמען און אים געפּרואווט איבערצייגן, אַז דער איינציקער וועג אויסצואווירקן ביי דער רעגירונג פאַרלייכטערונגען און רעכט פאַר די מאַסן, איז אויסצוהאַרגענען די פירער פון דעם צאַרישן רעזשים.

מעדעם איז אָבער געווען קעגן בלוט־פאַרגיסונג און גרויזאַמקייטן. גרויזאַמקייט האָט ביי אים אַרויסגערופן אָפּשיילעבקייט און פּראָטעסט. זיין וועג איז געווען אַן אַנדערער, דער מאַרקסיסטישער. מע דאַרף קודם אופקלערן די מאַסן, אָרגאַניזירן אַלע אַרבעטער־כוחות, און ערשט דערנאָך וועט מען דורך פאַראייניקטע כוחות שטופנוויז דערגרייכן דעם ציל.

אַ מיטינג פון רעוואָלוציאָנערן

חוצדעם איז מעדעמען שוין דעמאָלט געווען קלאָר, אַז זיין לעבן געהערט די יידישע אַרבעטער־מאַסן. אין די שמועסן מיט חברים און אין זיינע אַרטיקלען האָט ער אָנגעוויזן אויף די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג: ערשטנס זענען די מיינסטע יידישע אַרבעטער פאַרנומען אין די קליינע ווערקשטיבער פון די באַלמעלאָכעס און האַנטווערקער, און נישט אין די גרויסע פאַבריקן, צווייטנס — די יידישע אַרבעטער זענען קינדער פון יידישן פאָלק. זיי דאַרפן דעריבער פירן אַ טאָפּלטן קאַמף: וואָרן יידן, ווי אַ **פאָלק, מוזן קעמפן נישט בלויז פאַר פּאָליטישע רעכט, נאָר אויך פאַר זייערע נאַציאָנאַלע רעכט.**

מעדעמען איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז די אָפיציעלע שפּראַך פון די יידישע אַרבעטער — איז יידיש. און הגם ער אַליין האָט נאָך דעמאָלט נישט באַהערשט דאָס יידישע לשון, האָט ער אָבער אָנגעוויזן, אַז דער קאַמף דאַרף געפירט ווערן אויף דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן. מיט דעם האָט ער ביי די יידישע אַרבעטער געהויבן די חשיבות פון יידיש און — האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע: **יעדער נאַציע דאַרף געגעבן ווערן דאָס רעכט צו שאַפן אייגענע אינסטיטוציעס, וואָס גאַראַנטירן די מעגלעכקייט פאַר פרייער אַנטוויקלונג.**

דאָס האָט ער שפּעטער דורכגעפירט אין דעם בונדישן פּראָגראַם, און מיט דעם האָט מעדעם געגעבן דעם „בונד" אַן אייגן פּנים.

אין דער פרעמד — דאָך צווישן אייגענע

סע האָט זיך דערנענטערט די צייט פון מעדעמס פּראָ-צעס. אַלע האָבן געוואוסט, אַז אים דערוואַרט איין פּסק (פּסאַק): סיביר. דאָס מיינט — אָפּגעשניטן ווערן פון זיין ניצלעכער אַרבעט אין דער באַוועגונג. און אַז ער וועט פאַר-שיקט ווערן — ווער וועט עפּעס געווינען פון דעם? און דאָ איז ער נאָך אַזוי יונג. זיין אַרבעט אין לעבן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. מע טאָר נישט דערלאָזן, די דאָזיקע אַרבעט זאָל מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט ווערן. סע וואָלט געווען אַ זינד צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און פאַרלאָזן זיך אַף דער צאַ-רישער גערעכטיקייט. און פאַראַן איז דאָ נאָר איין וועג וויאַזוי ניצול צו ווערן פון דעם גאַנצן פּראָצעס: דאָס איז אויסלאַנד. שוואַרצן די גרעניץ און באַזעצן זיך אין אויס-לאַנד. און דאָס איז גאָרנישט ניט אַזוי שווער. אין יענע צייטן איז דאָס געווען פון די געוויינלעכע טעגלעכע פּאַסי-רונגען אין רוסלאַנד.

זיינע ברידער און זיין שוואָגער זשאַבאַ האָבן אויסגע-אַרבעט דעם פּלאַן. מעדעם האָט מסכים (מאַסקים) געווען.

מע האָט אים מיטגעגעבן געננג געלט אױפֿן װעג און — ער איז אַװעקגעפֿאָרן.

װיאַזױ מעדעם האָט געשװאַרצט די גרעניץ, און װאָס ער האָט איבערגעלעבט אין דער נאַכט, בעת דער שמוגלער האָט אים צוזאַמען מיט אַנדערע דורכגעפֿירט די גרעניץ־װאַך — װעלן מיר דאָ אױסלאָזן. מיר װעלן איבערגײן צו דער שװײץ, װאוהין מעדעם איז אַװעקגעפֿאָרן.

די שװײץ איז אין יענע יאָרן געװען אַ מקום־מקלט (מאַ־קעם־מיקלאָט) פֿאַר טױזנטער רוסישע אַרבעטער און רעװאָ־לוציאָנערן, װאָס האָבן זיך געראַטעװעט פֿון די רוסישע טור־מעס און פֿון סיביר. דאָרט זענען אױך געװען אַסך רוסיש־יידישע יונגעלײט, װאָס זענען געפֿאָרן אַהין שטודירן. די שװײצער אוניװערזיטעטן האָבן מיט אָפֿענע אָרעמס אױפֿגע־נומען דידאָזיקע יידישע יונגעלײט פֿאַר װעמען די רוסישע אוניװערזיטעטן זענען געװען געשלאָסן. אין אַלע גרעסערע שװײצער שטעט זענען אין יענע יאָרן געװען גאַנצע קװאַר־טאַלן מיט דידאָזיקע רוסישע בירגער.

מעדעם האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט בערן. ער האָט אױסגעקליבן בערן, װאָרן דאָרטן האָט ער געהאַט גוטע פֿרײנט, װאָס זענען שױן אַסך פֿריער אַהין אַװעקגעפֿאָרן. ער האָט זיך פֿאַרשריבן אױף דעם פֿילאָזאָפֿישן פֿאַקולטעט אין בער־נער אוניװערזיטעט, און איז געװען פֿון די פֿלײסיקסטע סטו־דענטן. ער האָט דעם געגנשטאַנד ליב געהאַט מער פֿון אַנ־דערע געגנשטאַנדן.

די ערשטע צײטן אין דער שװײץ האָט מעדעם ליב גע־האַט אַרומצובלאָנקען אײנער אַלײן איבער דער פֿרעמדער באַרגיקער שטאָט : לאַנגע, שמאָלע גאַסן, באַרג אַרויף, באַרג

איבער די גאַסן פון בערן

אראָפּ, אַלטפרענקישע הייזער, באַצירט מיט אַלערליי עמבלע־מען און סימנים פון אַמאָליקע האַנטווערקער־חברות (כעווע־רעס); טויערן, וואָס זייערע איבערשטע עטאַזשן זענען אַרויס־געררוקט טיף אין גאַס אַרוים איבער דעם טראָטואַר און שטייען אונטערגעשפּאַרט מיט דיקע סלופּעס ווי זיילן, גאָטישע קלויס־טערס, טורעמס מיט שטאָטזייגערס. יעדע שעה צעקלינגען זיך די גלאָקן. טייל קלינגען אויס שווייצער פאָלקסלידער. בעת די גלאָקן קלינגען — עפנט זיך אָפּן טורעם אַ פענסטערל און ס'קומט אַרויס אַ גאַנצע חברה קלייניקע מענטשעלעך, ווי שרעטעלעך — די גרייס. און ווייט הינטער דער שטאָט דערהייבן זיך די ווייסע שפּיצן פון די אַלפּנבערג, באַדעקט מיט אייביקע שנייען.

אַך, ווי אַנדערש די שטאָט איז פון רוסישע שטעט. אויך די מענטשן זענען אויס אַנדערש. אַזאַ רואיקייט אין גאַנג. זיי גייען זיך פּאַמעלעך און אַזוי זיכער מיט זיך אַליין.

מעדעם איז פאַרכאַפּט פון דער שווייצער שיינקייט און פון דער שווייצער פרייהייט. אָט דאָ וועט ער קענען טאָן זיין אַרבעט אומגעשטערט. די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד נייטיקן זיך אין ציימונגען און אין אופקלערונג־ליטע־ראַטור, זיי נייטיקן זיך אין פאַסיקע לערער און פירער. דאָ אין דער פרייער שווייץ וועט ער קענען טאָן דידאַזיקע אַר־בעטן. די אַרבעט פאַרן „בונד" אין אויסלאַנד איז אַזוי וויכ־טיק ווי אין רוסלאַנד גופא.

מיט זיין גאַנצן ברען און גלויבן האָט זיך מעדעם אַריינ־געוואָרפן אין דער אַרבעט. ער האָט אָרגאַניזירט און אָנגע־פירט בונדישע קרייזלעך, האָט געהאָלפן אַרויסגעבן בונדישע ליטעראַטור, איז אַרויסגעטראָטן אָף פאַרזאַמלונגען און דיס־

קוסיעס און האָט געהאַלטן רעפעראַטן. דערנאָך האָט ער גע־האַלפן פאַראייניקן די בונדישע קרייזלעך אין אויסלאַנד אין אַ פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע, און איז געוואָרן איר ערשטער סעקרעטאַר.

בערן איז געוואָרן זיין צווייטע היים. די אויסלענדישע סטודענטישע קאָלאָניעס זענען געווען אַ פרוכטבאַר פעלד פאַר בונדישער אַרבעט. מע האָט צוגעצויגן נייע מענטשן צו דער באַוועגונג, מע האָט אויסגעברייטערט די טעטיקייט. וואָרן יעדע פּאָליטישע אַרבעט, וואָס איז אין רוסלאַנד געווען פאַר־ווערט — איז אין דער שווייץ געווען דערלויבט צו טאָן.

אין רוסלאַנד האָט מען זעלטן באַקומען אַן אַרבעטער צייטונג, אָדער אַ זשורנאַל, וואָס מע האָט מיט מסירת־נפש (מעסיראַס־נעפעש) אריינגעשמוגלט פון אויסלאַנד. אַ סאָציאַ־ליסטיש ביכל איז דאָרט געווען אַ זעלטנהייט. אַז איינער האָט אַמאָל באַקומען אַזאַ ביכל — פלעגט עס אָנהייבן גיין פון האַנט צו האַנט, ביז ס'איז צעריבן געוואָרן אויף פּיצלעך.

אין דער שווייץ אָבער האָט מען סאָציאַליסטישע ליטע־ראַטור געקענט שעפּן מיט ביידע הענט. סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען און אונטערנעמונגען זענען דורכגעפירט געוואָרן פריי און אָן שטערעניש.

מעדעמען איז אַ לאַנגע צייט אויסגעקומען צו פירן אַ שאַרפן קאַמף מיט די סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אין אויסלאַנד איז נישט נייטיק אָנצופירן בונדישע אַרבעט און אופהאַלטן דעם „בונד". דאָס זענען אָבער געווען אַסימי־לאַטאָרישע עלעמענטן, פאַרביסענע קעגנער פון יידיש־נאַציאָ־נאַלן אַרבעטער־געדאַנק, פון יידיש און פון יידישער קולטור.

וולאַדימיר מעדעם

מעדעם האָט דידאַזיקע עלעמענטן גובר (גויזוער) געווען. ער האָט די אַרבעט פון „בונד" אויסגעברייטערט און פאַרטיפט. פאַר אים איז דער „בונד" געווען אַ לעבעדיק באַשעפעניש מיט אַן אייגענעם פּנים. אין „בונד" האָט ער געזען די אָרגאַניזאַציע פון די ברייטע יידישע אַרבעטער-מאַסן, די אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרברידערט די יידישע אַרבעטער אין אַלע לענדער, און וואָס איז אים ליב און טייער.

שטורעמדיקע יאָרן

די ערשטע יאָרן פון דעם נייעם יאָרהונדערט זענען גע־קומען אין רוסלאַנד מיט נייע באַדריקונגען אַף אַרבעטער און מיט בלוטיקע פּאָגראָמען אַף יידן. דעם ערשטן מאַי, 1902, האָט מען אין ווילנע אַרעסטירט און געשמיסן אַ טייל פון די אַרבעטער, וואָס האָבן דעמאָנסטרירט אין דעם מאַי־פּאַראַד. דער יידישער שוסטער הירש לעקערט האָט אפן אַנדערן טאָג זיך נוקם (נויקעם) געווען פאַר דערדאָזיקער שאַנד און דער־נידעריקונג און האָט דערפאַר געשאָסן אַף דעם ווילנער גובער־נאַטאָר, וואָס האָט געלאָזט שמייסן די אַרבעטער.

אַף אַ בונדישער קאָנפערענץ איז דעמאָלט באַשלאָסן גע־וואָרן, אַז אין אַזעלכע פאַלן זאָל די אָרגאַניזאַציע נעמען אַף זיך די פליכט זיך נוקם צו זיין פאַר די מערדערישע מעשים פון דער רעגירונג.

מעדעם איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דערדאָזיקער שטע־לונג פון „בונד”. דער „בונד”, ווי אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע אָרגאַניזאַציעס, איז שטענדיק געווען קעגן טעראָר. איצט אָבער איז דער „בונד” געשטאַנען פאַר דער געפאַר פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ טעראָר־אָרגאַניזאַציע.

וועגן דער געשעעניש אין ווילנע איז מעדעמען אויסגע־קומען צו רעדן אַף גרויסע פאַרזאַמלונגען. ער האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן לעקערטס הערויִשער טאַט. ער

איז אָבער געווען קעגן דעם, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל נעמען אַף זיך דורכצופירן אַקטן פון נקמה. וואָרן נישט דאָס איז דער וועג פון דעם „בונד”.

מעדעם איז דעמאָלט געווען אַזוי פאַרטאָן אין דער אַר־בעט פון דער אָרגאַניזאַציע, אַז די שיינקייט פון זיין פריוואַט לעבן איז ביי אים געווען בלויז די ראַם, וואָס נעמט אַרום זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געהאַט קיין אַמביציע צו מאַכן דידאַזיקע אַרבעט פאַר אַ קאַריערע. ער האָט ביי דער פּאַרטיי נישט גענומען קיין געלט. געלט האָט מען אים גע־שיקט פון דער היים. ער האָט געטאָן זיין אַרבעט, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער דערפילט אַ הייליקע שליחות.

אין יאָר 1903 זענען אין רוסלאַנד פאָרגעקומען בלוטיקע פּאָגראָמען אַף יידן. די צאַרישע רעגירונג האָט דערלאָזן שחיטות אַף יידן אין די שטעט קישינעוו און האָמעל. זי האָט מיט דעם געוואָלט איינשרעקן די יידישע רעוואָלוציאָנערן. דאָס האָט אָבער די יידישע רעוואָלוציאָנערן נישט אָפּגע־שראָקן — נישט אין רוסלאַנד און נישט אין אויסלאַנד.

ווען די נייעס פון די פּאָגראָמען האָט דערגרייכט אויס־לאַנד — האָט דאָס אומעטום געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. דער עולם איז געווען ביטער דערשלאָגן. עס איז געווען שווער צו געפינען אַ טרייסט נאָך דידאַזיקע בלוטיקע געשעענישן. אין די בונדישע קרייזן אין דער שווייץ איז דער איינדרוק געווען אַ מוראדיק שווערער. די יידישע אַרבעטער האָבן אָבער נישט פאַרלוירן זייער מוט. אַדרבה, דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט. יידישע אַרבעטער האָבן

איינגעזען, אַז אַף יושר (יוישער) ביי דער צאַרישער רעגירונג איז נישטאָ וואָס צו וואַרטן.

די בונדיסטן אין דער שווייץ האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וועכנטלעכע צייטונג, און אַ פּאַרטיי־זשורנאַל „דער יידישער אַרבעטער". מ'איז געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג מיט די בונדישע קרייזן און מיט דעם „בונד" אין רוסלאַנד. אַף טויזנטערליי אופנים (אויפאַנים) האָט מען אַריבערגעשמוגלט רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור קיין רוסלאַנד, און געווער. מע האָט געשאַפן געלט און עס געשיקט אַהין. דאָס האָט דערמוטיקט די רעוואָלוציאָנערן אין זייער קאַמף און האָט פאַרשטאַרקט זייער אַרבעט.

מיט א וואונדערלעכן ברען האָט מען זיך דעמאָלט גענומען אָרגאַניזירן זעלבסטשוץ פאַראיינען אין אַלע רוסישע שטעט. דער איינפלוס פון „בונד" איז געוואַקסן. די פּאַרטיי־אַרבעט איז געווען אַ לעבעדיקע און אַ פּרוכטבאַרע. די איינִיקייט פון די בונדישע קרייזן איז געוואָרן שטאַרקער, און די געטריישאַפט פון די מיטגלידער — פעסטער און זיכערער.

דערנאָך איז געקומען די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. און גלייך נאָך דער רוסישער מפלה (מאַפּאָלע) האָבן זיך אין רוסלאַנד דערהערט די ערשטע דונערן פון דער רעוואָלוציע. אין יאַנואַר 1905 האָט די רעגירונג געמאַכט אַ שחיטה אַף די אַרבעטער אין פּעטערבורג (לענינגראַד), און סוף זומער האָבן די רוסישע פינסטערע כוחות, „די שוואַרצע מאות" (מייעס) אָרגאַניזירט פּאָגראָמען אַף יידן אין אוקראַינע און אין אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד. אין איין וואָך פון חודש אָקטאָבער אַליין זענען געמאַכט געוואָרן זעקס הונדערט פּאָגראָמען אַף יידן.

אַ מיטינג אין וואַלד

די אַלע געשעענישן האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד. דער „בונד" האָט אופגענומען דעם קאַמף פון די יידן, אַ קאַמף אַף לעבן און טויט. די צאַרישע רעגירונג האָט געפּלאַנט אומצוברענגען די יידן, און דער פּלאַן פון דעם „בונד" איז געווען אויסצוראָטן דעם צאַריזם.

די וועלט האָט אויך נישט געשוויגן אַף די פּאָגראָמען. רע־גירונגען האָבן געוואָרנט. באַרימטע שרייבער אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד האָבן געלאָזט הערן פייערדיקע פּראָטעסטן.

דער „בונד" האָט דעמאָלט געהאַלטן מעדעמען אין אויס־לאַנד. ער איז אַרומגעפאָרן איבער דער שווייץ און איבער דייטשלאַנד. האָט גערעדט וועגן די לעצטע געשעענישן אין רוסלאַנד, האָט געשריבן פאַר די בונדישע אויסגאַבן, און האָט אָנגעפירט אַ פאַרצווייגטע אופקלערונג־אַרבעט.

דאָס זענען געווען רייכע, בונטע יאָרן אין דעם יונגן לעבן פון מעדעמען. ער איז געווען אין פּאַריז, בערלין און לאָנדאָן, אין בריסל און אין אַמסטערדאַם, אין מינכען און אין היידעל־בערג, און אין אַלע גרעסערע שטעט אין דער שווייץ. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע בונדישע אַרבעטן, אין אַלע בונדישע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן, און האָט אויך געהאַט אַסך אינטערעסאַנטע פריוואַטע איבערלעבונגען.

מעדעם איז אָבער געווען אומרואיק. יעדע ידיעה פון רוסלאַנד האָט אים אַלץ מער אופגערודערט. ער איז גע־זעסן אין אויסלאַנד אַף נאָדלען. אים האָט געצויגן צו זיין אין מיט פון די גרויסע געשעענישן, אין ברען פון דער רעוואָלו־

ציע. די פּאַרטיי האָט אים געדאַרפֿט האָבן אין אויסלאַנד, און — ער האָט געפֿאָלגט און איז געווען. אַזוי פֿאָדערט די דיסציפּלין פֿון דער פּאַרטיי. ער האָט אָבער געוואַרט, מע זאָל אים רופֿן צום קאַמף, און ער האָט זיך דערוואַרט.

פֿון דעם צענטראַלן קאָמיטעט אין רוסלאַנד איז געקומען אַ טעלעגראַמע, מעדעם זאָל תּיכּף קומען צו פֿאָרן.



אין דער מיט פון דעם קאַמף

ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 איז מעדעם נישט געווען אין רוסלאַנד. ער האָט נישט געהאַט דאָס גליק און די זכיה (זכיע) — ווי ער אַליין האָט געזאָגט — צו באַטייליקן זיך אין די גרויסע געשעענישן פון די אָקטאָבער־טעג ביים אָנהייב פון דער ערשטער רעוואָלוציע.

בעת מעדעם איז צוריקגעקומען — האָט די צאַרישע רעגירונג שוין געהאַט צוגעזאָגט דעם פאָלק פאַרלייכטערונגען און אַ קאָנסטיטוציע. די גאַנצע מאַכט איז אָבער נאָך געווען אין די אַלטע הענט. רעוואָלוציאָנערן האָבן פאַרשטאַנען, אַז סע האַלט נאָך ווייט פון אַ זיג, און אַז מע מוז זיין גרייט אָף ביטערע קאַמפן.

ווי נאָר מעדעם איז אַראָפּ פון דער באַן און האָט זיך געלאָזט גיין צו דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד", אַז ערשט — ער באַמערקט אין אַ הויף אַ חברה קינדער. יידישע קינדער. זיי שפּילן זיך אין רעוואָלוציע. זיי גרייטן זיך צו אַ דעמאָנסטראַציע. מע שטעלט זיך אוים אין רייען און מען הייבט אָן מאַרשירן. זיי מאַרשירן אין טאַקט און מיט געזאַנג. דערנאָך הייבן זיי אָן צו לויפן. מע שטורעמט דעם שונא. די שלאַכט איז געוואונען, און מע שרייט: הוראַ! הוראַ!

מעדעם קוקט און זיין האַרץ גייט אוף פון פרייד.

— דער זוימען איז פאַרזייט, — זאָגט ער צו זיך אַליין — איצט נעמט ער אופגיין און וואַקסן. די רעוואָלוציע מוז זיגן. וואָס די דערוואַקסענע האָבן אָנגעהויבן — וועלן די קינדער פאַרענדיקן שפּעטער.

אַ חברה יידישע קינדער שפּילן זיך אין רעוואָלוציע

ווי ער טראַכט אַזוי — לויפט צו אים צו אַ יונגערמאַן, גיט אַף אים אַ קוק, און אַן אופגערעגטער, אַ פרייליכער רופט ער אוים:

— מעדעם! זענט איר נישט וולאַדימיר מעדעם?!

— ניין, ענטפערט אים מעדעם קורץ און רואיק — איר האָט אַ טעות.

דער יונגערמאַן ווערט צעמישט. ער קוקט זיך איין אין אים, אַנטשולדיקט זיך און גייט אַוועק.

מעדעמען פאַרקלעמט ביים האַרצן. ער האָט דעם יונגנמאַן גוט דערקענט. ס'איז אַן אַלטער חבר. ער האָט צוזאַמען מיט אים געאַרבעט אין דער פּאַרטיי, צוזאַמען געזעסן אין טורמע, אין איין קאַמער טאַקע. ווי גוט וואָלט געווען אים צו דריקן די האַנט, רעדן כאָטש עטלעכע ווערטער. מע טאָר זיך אָבער נישט לאָזן דערקענען. ער איז דאָך נישט לעגאַל צוריקגע־קומען. מע קען אים נאָך פאַרמאַסערן. די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט זיך שוין אָנגעהויבן. די צאַרישע רעגירונג נעמט קומען צו זיך. די פינסטערע כוחות שטאַרקן זיך און הייבן אָן צוריק בושעווען איבערן לאַנד. ער ווייסט דאָך נישט מיט וועמען דער יונגערמאַן שטייט היינט.

מעדעם איז געגאַנגען אַף דער הויפּט־קוואַרטיר. זינט די פּאַרטיי עקזיסטירט — האָט זי צוליב קאָנספּיראַציע אַסאַכמאָל געביטן דעם פּלאַץ און די שטאָט. צוליב קאָנספּיראַציע גייט מען נישט גלייך אַפן אמתן אַדרעס. מע גייט קודם־כל צו אַ חבר אין אַ באַשטימטער וואוינונג, מע זאָגט דאָרט עטלעכע גע־היימע ווערטער, וואָס די מיטגלידער האָבן שוין פון פריער באַ־שטימט. דאָס איז אַ סימן, אַז מ'איז אַן אייגענער מענטש. און ערשט דעמאָלט קריגט מען דעם ריכטיקן אַדרעס.

אַז מעדעם איז געקומען אין דער באַשטימטער דירה — האָט ער באַגריסט דעם באַלעבאָס מיט די ווערטער, וואָס דער תנא (טאַנע) נחום איש-גמזו פלעגט צו זאָגן ביי יעדער געשעעניש: „גם זו לטובה", אויך דאָס איז צום גוטן. מעדעם האָט אָבער בלויז געזאָגט:

— גם זו...

און דער באַלעבאָס האָט געענטפערט און פאַרענדיקט:

— לטובה!

און אַלץ איז געווען אין אָרדענונג.

דער צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד" האָט באַשלאָסן, אַז מעדעם זאָל פאָרן קיין ווילנע. ווילנע איז אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער צענטער. דאָרט וועט ער קענען טאָן אַרבעט, דאָרט נייטיקט מען זיך אין אים.

געקומען קיין ווילנע — האָט מעדעם גלייך דערפילט, אַז די רעוואָלוציע איז אין פולן גאַנג. דעם ערשטן פידל שפילט דער „בונד". מע רופט פאַרזאַמלונגען, און מע רעדט און מע מוטיקט דעם עולם.

מעדעם טרעט אויף פאַר טויזנטער מענטשן. די באַגייסטערונג איז גרויס. געוויינלעך ווייסט נישט דער עולם ווער דער רעדנער איז. סע געפינט זיך אָבער אַמאָל איינער, וואָס דערקענט אים. סע הייבט זיך אָן אַ שושקען: „מעדעם! מעדעם!" פון איינעם צום צווייטן, פון איינעם צום אַנדערן. אַ ציטער גייט דורך דורכן זאַל. און מעדעם רעדט, ער מוטיקט און שטאַרקט:

— חברים, זייט גרייט! מע שטייט ערב גרויסע געשעענישן. דער אמתער שטורעם רוקט זיך ערשט אָן. די צוקונפט פון דער רעוואָלוציע איז געווענדט אָן דעם ווי אַזוי

מע וועט ביישטיין דעם שטורעם: אַ ניצחון, אַ זיגרייכער סוף, אָדער אַ דורכפאַל. דער שונא גרייט זיך צו אַטאַקירן. מע דאַרף זיין אַף דער וואַך. מיר שטייגן אַף אַ הויכן, ווילדן באַרג. דאָס שטייגן קומט אָן שווער, טריט-ביי-טריט, איבער שטיינער און פעלזן. מע קומט אַלץ העכער. אָט דאַכט זיך, מיר זענען באַלד אַפן שפּיץ באַרג. אָט קומט דער מאָמענט. מע שטעלט די לעצטע טריט. אַז ערשט — ווייט איבער דעם ערשטן באַרג דערהייבט זיך אַ צווייטער באַרג און אַ דריטער באַרג. און איינער איז העכער פון דעם צווייטן. און דער וועג איז ווייטער און שווערער, און די שטרויכלונגען זענען גרעסער. צום סוף מוז מען אָבער דערגרייכן דעם ציל. דאָרטן עפענען זיך ברייטע פעלדער און לאַנען, פרוכטבאַרע גערטנער און טאָלן. פאַר די אויגן אַנטפּלעקט זיך דאָס געגאַרטע, גע־בענטשטע לאַנד. דאָרטן איז דער וועג אַ לייכטער און אַ גרינגער...

דער עולם ווערט מיטגעריסן. סע דערוואַכן נייע כוחות צום קאַמף. מע גרייט זיך צו גרויסע דעמאָנסטראַציעס און צו אַ מאַסן-סטרייק. דער „בונד" אַרבעט אויס פּלענער פאַר דעם דערוואַרטעטן קאַמף. מעדעם שטייט בראָש פון דער אַרבעט. מע אָרגאַניזירט סאַניטאַרן-סטאַנציעס אַף צו העלפן די פאַרוואונדעטע. וואָרן מ'איז זיכער, אַז סע וועט זיך גיסן בלוט.

אַזוי טאָג נאָך טאָג.

נאָר פון פעטערבורג קומען אָן באַאומרואיקנדיקע ידיעות. און די נייעס פון מאָסקווע איז נישט קיין פריילעכע. די וואָלקנס ווערן שווערער. דער מאָסקווער אופשטאַנד איז פאַר־שפּילט, דער פּאָסט-סטרייק איז געענדיקט. דער אופשטאַנד פון די מאַטראָזן איז דערשטיקט. די אַרבעטער זענען דורכ־

געפּאַלן. דער קאַמף איז פאַרלוירן. די פעלד-געריכטן אַר־
בעטן. הונדערטער תליות (טליעס) ווערן אויפגעשטעלט. בלוט
גיסט זיך, איבערן גאַנצן לאַנד. אַזוי האָט די צאַרישע רעגי־
רונג געגומען איינשטילן די פרייע כוחות אין רוסלאַנד.

די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט מוז אָבער ווייטער אָנגיין.

ווידער פאָרט מעדעם אַרום אַ פאַרשטעלטער איבער
שטעט. רעדט אַף געהיימע פאַרזאַמלונגען אין בוידעם-שטיבער
און אין קעלערן פון אָרימע אַרבעטער. מע מוז זיך אויסבאַ־
האַלטן ווי די יידישע מאַראַנען אין שפּאַניע.

אָט שטייט ער און רעדט אין אַ קעלער פון אַן אַרבעטער.
דער קעלער איז ענג, טונקל. אַף אַ טישל ברענט אַ לאָמפּ און
באַלייכט קוים די פּנימער פון די אַרום אים. אַלע זיצן גע־
שפּאַנט און שלינגען יעדעס וואָרט. ביי דער טיר שטייט
איינער אַף וואַך. מע מוז זיך היטן. מע שפּיאָנירט נאָך יעדן
אַרבעטער.

און מעדעם רעדט. ער רעדט וועגן דער טרויעריקער
לאַגע, וועגן דורכפאַל. מע טאָר זיך אָבער נישט אונטערגעבן.
מע דאַרף אָפּסניי זיך אָנגורטן מיט פרישע כוחות. דער
דורכפאַל איז בלויז אַ צייטווייליקער. די גערעכטיקייט מוז
זיגן. ס'ע מוז קומען אַ נייע וועלט, אַ וועלט פון פרייד, אַ
וועלט, וואו רעכטפאַרטיקייט וועט באַדעקן די ערד ווי דאָס
וואַסער באַדעקט דעם ים.

אָ, ווי זיינע ווערטער דערהייבן. אָט שטייט ער, דער
„גוי", וואָס איז געקומען פון יענער זייט. סאַראַ יידיש ער
רעדט דאָס. מיט וויפיל ליבשאַפט און שיינקייט ער רעדט
אַרויס די ווערטער פון דעם פאַרהאַסטן לשון, פון יידיש.

און אַלע טרינקען זיינע ווערטער מיט אַ דאָרשט, וואָס
ווערט גאָרנישט ניט געשטילט.

אין דער מיט פון דעם קאַמף



דער קאַמף פאַר קייטן

יאָרן גייען. מעדעם פאָרט און קומט. פאָרט איבער שטעט אין רוסלאַנד, און פאָרט איבער שטעט אין אַנדערע לענדער. די אַרבעט איז אַ פאַרצווייגטע, אַ פאַרשטאַרקטע. ער רעדאַגירט צייטונגען, שרייבט אַסך און באַטייליקט זיך אין וויכטיקע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן.

די צייט איז אָבער אַ טרויעריקע. די רעאַקציע בושעוועט. אַלץ גייט באַרג אַראָפּ־צו. אַ מידקייט האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. די שטימונג איז אַ געדריקטע. די אַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע איז שוואַך. מאַסן מענטשן זענען אָוועק פון דער באַוועגונג. מאַסן אַרבעטער האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

מעדעם אָבער האָט אַף אַ טאָג נישט אופגעהערט צו אַר־בעטן. דער „בונד" האָט אַף אַ מינוט נישט אופגעהערט צו עקזיסטירן. די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע גרעסערע שטעט האָבן מיט אַלע כוחות געאַרבעט אָן אופהער.

ביסלעכווייז האָט דער וועג גענומען ווידער פירן באַרג אַרוף. מ'איז געקומען צו זיך. אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע אופלעבונג.

דערווייל האָבן זיך דערנענטערט די יאָרן ערב דער מלחמה. אַף דעם באַלקאַן האָט שוין געטליעט דער קריג. און אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגערוקט דער ביילים־פּראָצעס, וואָס האָט אופגעשטורעמט די וועלט.

די צאַרישע רעגירונג האָט דערלאָזט אין דער שטאָט קיעוו אַ בלוט־בילבול אַף יידן. די רוסישע „שוואַרצע מאות" האָבן באַשולדיקט דעם ייד מענדל ביילים, אַז ער האָט געהאַר־געט אַ קריסטלעך יינגל, כדי צו באַנוצן זיין בלוט אין די מצות אַף פּסח. דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן עטלעכע יאָר. יידן אין רוסלאַנד האָבן איבערגעלעבט שווערע טעג.

מעדעם איז דעמאָלט שוין ווידער געזעסן אין תפיסה. אַף פיר יאָר האָט מען אים פאַרשיקט. אָן אַ משפט פאַרשיקט. דאָס איז געווען זומער 1913. ער האָט זיך אומגעקערט פון אויסלאַנד. אין עטלעכע טעג אַרום איז די פּאָליציי געקומען אַף זיין שפּור. מע האָט אים אַרעסטירט און פאַרשיקט אין אַ וואַרשעווער טורמע.

מעדעם האָט זיך אָבער נישט געקלאָגט. ער איז שוין געווען געוואוינט צו די צרות. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז

דער גורל פון די, וואָס קעמפן פאַר אַ בעסערער וועלט און פאַר אַ גערעכטערער אָרדענונג.

זומער 1914 האָט אויסגעבראָכן די וועלט-מלחמה. די טורמע איז אָנגעפילט געוואָרן מיט נייע אַרעסטאַנטן. צווישן זיי זענען געווען אַלערליי מענטשן: פויערים און גלחים, גנבים און גזלנים, באַאַמטע און באַלמעלאָכעס, און אָן אַ שיר מלחמה-געפאַנגענע.

די מיינסטע פון זיי האָט די רעגירונג באַשולדיקט אין פאַררעט. ס'איז מלחמה, אַף דעם מינדסטן פאַרדאַכט — אַרעסטירט מען. אַ מיליטער-גערעכט משפט און — מע הענגט אוף.

דערנאָך האָט מען די אַרעסטאַנטן אָנגעהויבן איבערפירן טיפער אין לאַנד אריין. מע האָט זיי געשמידט אין קייטן און גענומען פירן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, אַלץ ווייטער און ווייטער.

אַפן וועג האָט זיך מעדעם אָנגעזען מיט שרעקלעכער געפאַלנקייט, און רשעות (רישעס) פון מענטשן. די וועכטער זיינען זיך באַגאַנגען מיט די אַרעסטאַנטן ווי מיט ווילדע חיות. פאַר דער מינדסטער קליינקייט האָט מען געשלאָגן ביז בלוט.

איינמאָל, אַפן וועג פון איין תפיסה צו דער צווייטער, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט ביי אַ באַנהויף. מע האָט די אַרעסטאַנטן אַרויסגעפירט פון די וואַגאָנען און זיי אויסגע-שטעלט אין שורות. מע שטייט און מע וואַרט אַף אַן אַנדערן צוג.

לעבן מעדעמען שטייט אַ יידישער בחור. אַ בלייכער. אָנ-געטאָן אין לאַנגע יידישע מלבושים. זיינע הענט זענען גע-

שמידט. מע האָט אים אַריינגעבראַכט אין וואַגאָן אַף אַ פריער־דיקער סטאַנציע.

פלוצים באַמערקט מעדעם ווי דער בחור ציט אַרוים זיין האַנט פון דעם קייטל. אַ קליינע קינדערישע האַנט. אָן אָנ־שטרענגונג האָט ער זי אַרויסגעצויגן. נאָר דער זעלנער דער־זעט. ער גיט אַ שפרונג אַף דעם בחור און נעמט אים שלאָגן. סע לויפן אויך צו די אַנדערע זעלנער. און אַלע וואַרפן זיך אַף דעם בחור און מע שלאָגט. מע שלאָגט מיט די פויסטן, מע שלאָגט מיט די הענטלעך פון די שווערדן און ביקסן. מע שלאָגט אים איבערן קאָפ, מע שלאָגט אים איבערן פנים, אַפן מויל. בלוט גיסט זיך. נאָר מע שלאָגט.

מעדעמס האַרץ בלוטיקט פון ווייטיק. אין יעדער פרייער מינוט פרוואווט ער לינדערן דאָס וויסטע לעבן פון דידאַזיקע אומגליקלעכע. די אַרעסטאַנטן הייבן אָן דערקענען וועמען זיי האָבן צווישן זיך. טייל עפענען פאַר אים דאָס האַרץ. גיסן אוים פאַר אים זייערע צרות.

קלאָגט זיך פאַר אים אַ פויער:

סע פעלט אים ערד. דער פריץ האָט צופיל ערד. וואו איז יושר? פאַרוואָס גיט מען אים נישט פון דער איבערי־קער ערד פון דעם פריץ? מע זאָגט, אַז די ערד געהערט דעם פריץ — טאָר מען זי נישט צונעמען. גוט! אָבער אָט האָט ער צווי זין, זיינע אייגענע זין. און דאָך האָט מען זיי ביי אים צוגענומען און אַוועקגעשיקט אַפן פראָנט אין מלחמה אַריין. זיי מעג מען נעמען און — ערד טאָר מען נישט? וואו איז יושר?

אַזוי קלאָגט מען זיך פאַר אים.

צום סוף האָט מען די אַרעסטאַנטן געבראַכט אין אַ טורמע אַריין טיף אין רוסלאַנד. מע טיילט זיי פונאַנדער אין קאַמערן. אין אַ קעמערל, גרויס ווי אַן אַרון, שפּאַרט מען אַריין פון דריי ביז פינף מענטשן.

איינמאָל דערהערט מעדעם דורך די טורמע־ווענט עפּעס אַ מאָדנע קלינגען. און דאָס קלינגען ציט זיך פון אַלע זייטן, און אָן אַן אופהער. ווי טויזנטער קלייניקע גלעקלעך וואָלטן געקלונגען.

מיטאַמאָל ווערט אים קלאָר: דאָס זענען קייטן. און דאָס קלינגען ווערט שאַרפער. צו דעם קומען נאָך צו היל־כיקע קלעפּ פון האַמערס. די קלעפּ דערטראָגן זיך פון דעם הויף. ער גיט זיך אַ לאָז צום פענסטער. אמת, דאָס איז שטרענג פאַרווערט. וואָרן ווי נאָר סע באַווייזט זיך אַ פּנים הינטער די גראַטעס — הייבט אויף דער וועכטער אין הויף זיין ביקס. און אַז מ'איז נישט געגוג פלינק — באַקומט מען אַ קויל אין שטערן. מעדעם איז אָבער נישט קיין גרינער אין טורמע. ער ווייסט ווי צו זיין פאָרזיכטיק. ער קוקט אַרויס און זעט:

די וועכטער פירן אַרויס אַפן הויף אַ גרופּע פון צוואַנציק ביז דרייסיק אַרעסטאַנטן. דערנאָך ברענגען זיי פון ערגעץ צו שלעפּן אַ הויפן שווערע קייטן: אַלטע, פאַרזשאַווערטע קייטן. זיי גיבן אַ שליידער די שווערע משא (מאַסע) אַף דעם ברוק. אַ געדיכטער, רויטלעכער שטויב הייבט זיך אויף אין דער לופט. די אַרעסטאַנטן גיבן זיך אַ וואָרף מיט ווילדן אימפּעט אַף דעם הויפן קייטן. אַ שרעקלעכער קנויל פון צו־נויפגעפּלאָנטערטע מענטשלעכע קערפּערס וואַלגערט זיך אין שטויביקן זשאַווער אַרום די קייטן. סע גייט אָן אַ קאַמף, אַ

קאַמף איבער קייטן. יעדער איינער זוכט צו כאַפּן פאַר זיך אַ לייכטערע קייט, וואָס מיט איר וועט מען אים שמידן.

דערנאָך פירט מען אַרויס אַ צווייטע גרופּע. מע ברענגט ווידער אַ הויפן קייטן. און ווידער הייבט זיך אָן אַ קאַמף איבער קייטן. יעדער רייסט פאַר זיך אַ קייט. און סאַראַ פרייד ביי יענעם, וואָס אים געלינגט צו כאַפּן אַ לייכטערע קייט.

און די שמידן האַמערן און שמידן. מע שמידט איינעם נאָך איינעם. אַ שעה נאָך אַ שעה. מע שמידט אַ גרופּע נאָך אַ גרופּע. און אַזוי — אַ גאַנצן טאָג.

ווידער טורמע און — רעוואָלוציע

נאָך לאַנגע וואָגלענישן האָט מען מעדעמען געברענגט צוריק קיין וואַרשע. ערשט איצט האָט מען אים געמשפּט און פאַרמשפּט. מע האָט מעדעמען אַפּסניי פאַרשיקט אין טורמע אַריין. און מע האָט ביי אים צוגענומען אַלע בירגער־רעכט. פונקט ווי אַן אַמעריקאַנישער ריכטער האָט געטאָן מיט יודזשין דעבס אין אַמעריקע, עטלעכע יאָר שפּעטער.

דאָס איז געווען פרילינג, 1915.

מע פירט מעדעמען צוריק אין טורמע אַריין. דער וואָגן — אַ לאַנגער, שוואַרצער קאַסטן, ווי ביי אָרימע יידישע לוויות (לעוואַיעס), ציט זיך איבער די ליכטיקע פרילינג־גאַסן. די אַלייען גרינען און בליען. די גאַסן רוישן מיט פּיאַקערס און מענטשן. די פרויען און קינדער אין לייכטע פאַרביקע פרילינג־קליידער.

מעדעם איז רואיק. ער קוקט אַרוים דורך די גראַטעס פון דעם קליינעם פענסטערל אין וואָגן. ער וויל אין זיך איינ־זאַפּן אַלע בילדער, אַרייננעמען אין זיך איטלעכס פּנים, איינ־זויגן אין זיך דאָס גאַנצע לעבן.

— ווער ווייסט — פאַלט אים איין אַ געדאַנק — אפשר פאַרט ער דאָס אויף דער פריי צום לעצטן מאָל. מע דאַרף זיך גוט צוקוקן צו אַלץ, מיטנעמען מיט זיך אין צעל אַריין די אַלע בילדער פון דער פרייער וועלט.

מע האָט געבראַכט מעדעמען אין צעל אַריין. די קאַמער איז אַכט טריט די ברייט און אַכט טריט די לענג. אויף ביידע

זייטן נאַרעס: לאַנגע ברעטער, אונטערגעשפּאַרט מיט גראָבע קלעצער. אין דער מיט — אַ שמאָלער דורכגאַנג. און אויף די נאַרעס און אונטער די נאַרעס — וואַלגערן זיך מענטשלעכע קערפּערס: מע זיצט, מע שטייט, מע ליגט, צונויפגעדריקט, אָפּגעריסן. און סע טראָגט זיך אַ ריח, אַז סע באַשלאָגט ביים האַרצן.

מעדעם באַטראַכט די מענטשן, די נאַרעס. ער באַטראַכט די ווענט, דאָס בענקל, די אָפּגעריבענע אויפשריפטן, אויסגעקראַצטע נעמען און דאַטעס. אָט זענען אויסגעקריצט מיט אַ נאָגל די ווערטער: „דעם 25 יאַנואַר בין איך פאַרמשפּט געוואָרן. אורטייל: טויט". און הינטער דעם איז אויסגעקריצט פון אַן אַנדער האַנט: „דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן. ערע דיין אָנדענק, חבר".

מעדעם הייבט אָן קומען צו זיך. סע דערוואַכט אין אים אַ האָפענונג. פון אָנהייב איז די האָפענונג אַ שוואַכע. ער איז דאָך קראַנק, אַן אמתער חולה. נאָר וואָס אַ טאָג ווערט די האָפענונג שטאַרקער, קלערער. פאַראַן דאָך נאָך אַזויפיל צו טאָן. די וועלט איז פאַרזונקען אין אייגענעם אָפּגרונט, טרינקט זיך אין אייגענעם בלוט. ניין, ער וועט אַרויס פון דאַנען. די אַרבעט איז גרויס, און זי דאַרף אים האָבן.

די האָפענונג זיינע וואַקסט. אַלע הינטער די גראַטעס ווייסן, אַז סע גייט אָן אַ שרעקלעכע מלחמה. מעדעם איז זיכער, זי וועט ברענגען גרויסע ענדערונגען. דאָס צאַרישע רוסלאַנד וועט צוזאַמענברעכן. די מלחמה וועט צעבלאָזן דאָס רעוואָלוציאָנערע פייער פון די אַרבעטער.

מעדעם האָפט, ער וועט אַרויס אויף דער פריי נאָך איידער זיין טערמין וועט זיך ענדיקן. ער איז זיכער, אַז די צייט

איז שוין נאָענט. אַז גינע, זיין פרוי, קומט אים זען, טרייסט ער זי:

— סע װעט שוין לאַנג נישט געדויערן. אַ יאָר, אפשר אַנדערהאַלבן. דערנאָך מוז קומען די רעװאָלוציע.

אַזוי גייען טעג און װאָכן. יעדן טאָג ריכט מען אויס חברים צום משפט. אָט דעם און אָט יענעם. מע פירט דעם מענטשן אַרויס, און אויב מע פאַרמשפּט אים צום טויט — קומט ער שוין מער נישט צוריק. אַנשטאָט אים — קומט אַ װעכטער און פאַרנעמט זיינע זאַכן. דעמאָלט װייסט מען: דאָס געריכט האָט אָפּגעטאָן זיין שטיקל אַרבעט.

אַמאָל דערהערט זיך פון הויף דאָס קלאַפּן פון אַ האַמער. דאָס נעמט מען אַראָפּ ביי אַן אַרעסטאַנט די קייטן. באַפרייאונג? ניין! דאָס גרייט מען אים נאָר צו צו דער תליה. דער מענטש דאַרף הענגען מיט פרייע פיס. אַזוי איז דאָס געזעץ.

און די אַרעסטאַנטן פאַרשװינדן. איינער נאָך דעם אַנדערן נעמט מען זיי צו. מעדעם איז שלאַף און קראַנק. ער ליגט אין שפּיטאָל פון טורמע און װאַרט אויף דעם טאָג פון דער רעװאָלוציע.

דערװייל האָט זיך פאַרשפּרייט די נייעס, אַז די דייטשע אַרמיי שטייט פאַר די טויערן פון װאַרשע. די רוסישע אַרמייען טרעטן אָפּ אויף צוריק. אין טורמע גרייט מען זיך איבערצופירן די אַרעסטאַנטן. די קראַנקע װעט מען אָבער לאָזן.

יעדן טאָג פירט מען אַװעק מחנות (מאַכנעס) געפאַנגענע. און מעדעם בלייבט. ער גלייבט זיך אַליין נישט. דאָס מיינט דאָך באַפרייאונג! די דייטשן װעלן אַריין — װעט מען די פּאָליטישע געפאַנגענע זיכער באַפרייען.



אַף די נאַרעס און אונטער די נאַרעס וואַלגערן זיך מענטשלעכע קערפּערס

דאָס גרויסע געפּענגעניש ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ שטילער און פּוסטער. די לעצטע מחנה געפאַנגענע גייט אַוועק דורך דעם טויער. שווערע וואַגאָנען פירן אַוועק דאָס האָב-און-גוטס פון תפיסה. סע בלייבן הויכע, ליידיקע ווענט.

בלויז אין שפּיטאָל ליגן די קראַנקע און וואַרטן.

דערנאָך קומט מען אויך נאָך די קראַנקע. מע שפּאַרט זיי אַריין אין שוואַרצע וואַגאָנען און מע פירט זיי אַריבער אין אַ צווייטער תפיסה פון שטאָט. מע לייגט זיי אויס אין אַן ענ-גער, פינסטערער קאַמער.

אין שיינעם טאָג קומט אָן די נייעס: די רוסישע אַרמיי האָט פאַרלאָזן די שטאָט. סע קומען אָן די דייטשן. פון צייט-צו-צייט הערט מען אַ קנאַל. נאָר איינמאָל האָט מען אין תפיסה דערהערט אַ שרעקלעכן קראַך. און באַלד — אַ צווייטן קראַך, און — אַ דריטן קראַך. אין דער מינוט ווייסן אַלע קראַנקע קלאָר, אַז מע האָט אויפגעריסן די דריי בריקן איבער דער ווייסל ביי וואַרשע. דאָס הייסט — די רוסן זענען אַוועק.

מעדעם איז אַביסל צעמישט. פּלוצים פאַלט אים איין אַ געדאַנק: אפשר איז עס אַ חלום? סע קאָן דאָך זיין, אַז דאָס חלומט זיך אים נאָר.

ער הייבט אָן ערנסט צו קלערן וועגן דעם: אפשר שלאָפט ער און אים חלומט זיך דאָס?! ס'האָט זיך מיט אים שוין געטראָפן אַזוינס. אין די לעצטע צוויי יאָר אין געפּענגעניש האָט ער שוין איבערגעלעבט אַזוינע זאַכן. נישט איין מאָל האָט זיך אים שוין געכאָלעמט, אַז ער איז פריי, גייט אַרום איבער די גאַסן, טרעפט זיך מיט חברים און פריינט.

ער נעמט זיך צום אַלטן מיטל צו זען, צי דאָס איז נאָר אַ חלום: ער גיט זיך אַ קניפּ. יאָ — סע טוט וויי! אַ סימן, אַז ס'איז נישט קיין חלום.

סאַראַ פריידן! אין גיכן וועט ער ווידער זיין פריי! ווידער וועט ער קענען טאָן זיין הייליקע אַרבעט!

נאָך דעמזעלבן טאָג זענען אַריינגעקומען נייע פאַר־וואַלטער. איינער לייענט פאַר די נעמען פון די אַרעסטאַנטן. אין דעם צעטל געפינען זיך די נעמען פון אַלע פּאָליטישע גע־פאַנגענע. און דער פאַרוואַלטער רופט אויס פייערלעך:

— די הערן זענען פריי!



די פאַרוואָגלטע קינדער אין וואַרשע

ווען מעדעם איז באַפרייט געוואָרן — איז די מלחמה נאָך געווען אין פולן ברען. וואַרשע, צוזאַמען מיט אַ גרויסן טייל פון פוילן, איז געווען אין די הענט פון די עסטרייכישע און דייטשע אַרמייען.

אין וואַרשע האָבן זיך דעמאָלט געוואָלגערט אין די גאַסן און אין די אינסטיטוציעס טויזנטער און טויזנטער פאַרוואָגל־טע און פאַרוואָרלאָזטע יידישע פאַמיליעס. מיינסטנס עלטע־רע מענטשן, מוטערס מיט יונגע קינדער, און מיידלעך.

די יונגע מענער און בחורים זענען געלעגן אױף די שלאַכט־פעלדער. זיי האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר רוסלאַנד. און אין דערזעלבער צייט האָט די רוסישע רעגירונג געהאַלטן אין איין טרייבן די יידן פון די גרעניץ־שטעט.

די צאַרישע רעגירונג האָט באַשולדיקט די יידן, אַז זיי גייען איבער צו די עסטרייכער און דייטשן. זי האָט גע־וואוסט, אַז די רוסישע יידן האָבן גענוג גרונד צו סימפּאַ־טיזירן מיט די זיגרייכע אַרמייען פון די דייטשן, וואָס לייזן זיי אויס פון די רדיפות און בילבולים. זי האָט זיי דעריבער געיאָגט פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, פון איין גובערניע אין דער צווייטער. וואַרשע איז געווען איבערגעפילט מיט אַזעלכע געיאָגטע און געפּלאָגטע יידן.

מעדעם איז אין גיכן געקומען צו זיך פון די שווערע חדשים און יאָרן אין די צאַרישע טורמעס. זיין געזונט האָט זיך פאַרבעסערט, און ער האָט זיך אָפּסניי גענומען צו דער אַרבעט. טאַקע מיט דעם גאַנצן ברען, ווי אין די יאָרן פאַר דער מלחמה. מע דאַרף אָפּראַטעווען דאָס פאַרבליבענע, אופ־בויען דאָס צעשטערטע.

נאָר נישט בלויז פּאַרטיי־אַרבעט דאַרף מען טאָן. וואַרשע איז פול מיט אָרימע און היימלאָזע. מע דאַרף ראַטעווען די יונגע קינדער פון הונגער און קראַנקהייט.

צוזאַמען מיט י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן האָט ער אָנגעהויבן גרינדן היימען פאַר די פאַרוואָרלאָזטע קינדער. האָט אויסגעווירקט ביי דער דייטשער מאַכט צו מעגן בויען יידישע שולן מיט יידיש פאַר דער לערנשפּראַך.

אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך אָנגעפירט די אַרבעט פון דער פּאַרטיי. ער האָט רעדאַגירט די בונדישע צייטונג „לעבנספראַגן", און האָט געגומען אַפּסגיי פּאַראייניקן די צעשאָטענע בונדישע אָרגאַניזאַציעס. מיט זיין ערנסט און אופריכטיקייט איז מעדעם דעמאָלט געוואָרן די צענטראַלע פיגור פון דעם יידישן אַרבעטער־לעבן און פון דער יידישער שול־באַוועגונג אין פּוילן.

אין 1917 האָט אויסגעבראָכן די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע. און דערנאָך איז געקומען די אָקטאָבער איבערקערעניש. אין רוסלאַנד איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די סאָוועטישע רעפּובליק. דער „בונד" פון פּוילן איז דעמאָלט געווען גענייגט צו באָלשעוויזם.

מעדעם איז אָבער געווען אַ קעגנער פון באָלשעוויזם. ער האָט געהאַלטן, אַז ס'איז נאָך נישט די ריכטיקע צייט אַף איינצופירן קאָמוניזם. די אַרבעטער זענען נאָך נישט צוגעגרייט פאַר דער נייער אָרדענונג. וואָרן נישט דורך בלוטפאַרגיסונג און גרויזאַמקייט קאָן קומען די באַפרייאונג. ער האָט דעריבער געקעמפט קעגן דער נייער ווענדונג אין „בונד".

מעדעם האָט אָבער איינגעזען, אַז דער קאַמף וועט צעברעכן די אָרגאַניזאַציע. און דער „בונד" איז אים געווען צו טייער, ער זאָל דערלאָזן צו דעם. ער האָט דעריבער באַ־

שלאָסן ליבערשט אָפּצוטרעטן. וואַרטן ביז די לינקע שטי־מונגען וועלן איבערגיין, און די בונדיסטן וועלן איינזען, אַז נישט דאָס איז דער וועג צו דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער און פאָלקסמאַסן.

אין אָנהייב 1921 איז מעדעם אַוועקגעפאָרן קיין אַמע־ריקע. די יידיש־סאָציאַליסטישע פעדעראַציע אין נויאָרק און די גאַנצע יידישע אַרבעטערשאַפט האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און מיט געוואַלטיקער באַגייסטערונג. ער איז פאַר די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע געווען „די לעגענדע פון בונד".

מעדעם האָט אָנגעהויבן שרייבן אין „פאָרווערטס". ער האָט דערציילט פאַר די לייענער די געשיכטע פון זיין לעבן און פון זיין אַרבעט. אַ שטיק צייט איז ער געפאָרן פאַר דעם אַרבעטער רינג אױף אַ טור אין די ברענטשעס איבערן לאַנד. ער האָט אומעטום אַגיטירט פאַר דעם „בונד". וואָרן ער איז געווען זיכער, אַז דער „בונד" אין פוילן וועט בימלעכווייז צוריק אַרויף אױף דעם דרך־הישר (דערעך־האַיאָשאָר).

די לעגענדע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג

איבער צוואַנציק יאָר האָט מעדעם געלעבט מיט דעם „בונד" און פאַר דעם „בונד". ער האָט ליב געהאַט די יידישע פאָלקסמאַסן, די אונטערדריקטע אַרבעטער, און ער האָט זיי באַטראַכט פאַר די איידלסטע צווישן מענטשן. ער האָט זיי געלערנט, האָט זיי דערהויבן, און האָט געוואָלט זען אין זיי פרייע, שטאָלצע מענטשן.

גייסטיקע דערשלאָגנקייט ביי מענטשן האָט אים מער וויי געטאָן ווי זייער מאַטעריעלע אָרימקייט.

מעדעם אַליין האָט אַלע זיינע יאָרן געלעבט באַשיידן. אָפט — אַפילו אין אָרימקייט, דאָך אויסערלעך — שטענדיק רייך. ער האָט ליב געהאַט קונסט, ליטעראַטור און מוזיק. אין זיינע רעדעס האָט ער אַלעמאָל גערעדט וועגן די שיינ-קייטן אין לעבן. ברויט צו דער זעט — איז נישט אַלץ. נישט אָף ברויט אַליין לעבט דער מענטש.

פאַראַנען אָף דער וועלט אַזויפיל אוצרות פון קונסט, שיינע זאַכן פאַר דעם גייסט און פאַר דער נשמה. זיי אַלע געהערן דאָך אין דער אמתן דעם אַרבעטער. און אויב די רייכע ווילן אויך געניסן פון זיי — זאָלן זיי אַרבעטן פאַר דעם ווי אַלע אַרבעטער.

— עפנט אייערע אויגן און לערנט אייער רעכט! נישט דורך ראַבעווען, נישט דורך גנבענען — וועט איר עס דער-גרייכן, נאָר דורך אייניקייט, אחדות, דורך געווינען די מאַכט אין דער פירונג פון לאַנד.

סע האָבן זיך דערנעענטערט מעדעמס לעצטע טעג. ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען קראַנק, ערנסט קראַנק. ווען ער איז נאָך געווען אַ גימנאַזיסט — האָט ער געליטן אַף די נירן. און ווען ער האָט זיך געשטעלט צו דער אַסענטירונג (פּריזיוו) — האָט מען אים באַפרייט צוליב זיין שוואַכן געזונט. אַ דאָקטער האָט אים שוין דעמאָלט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. ער האָט אים געגעבן אינגאַנצן אַזוי גרויס ווי אַ פינף־זעקס יאָר צו לעבן.

מעדעם האָט אָבער די דאָקטוירים צום נאַרן געמאַכט. ער האָט געלעבט נאָך איבער צוואַנציק יאָר. ער האָט געלעבט און געטאָן גרויסע אַרבעט. נישט פאַר זיך — נאָר פאַר דער באַוועגונג, פאַר די אָפּוואַכנדיקע יידישע אַרבעטער־מאַסן.

און זיי, די יידישע אַרבעטער פון די שטעטלשטעט אין פּוילן, זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען צו אַ פרייערער און שענערער וועלט. ווי נאָך דעם „פּאַיד פּאַיפּער" זענען זיי אים נאָכגעגאַנגען.

די וועלט האָט נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט פון קיין פאַשיזם. און אַז סע וועט אַמאָל קומען אַ היטלער און אַ מוסאָליני — האָט מען זיך אַפילו נישט פאָרגעשטעלט. דאָס לעבן האָט דעמאָלט אויסגעזען, אַז סע גייט צום בעסערן.

מעדעם פילט, אַז סע דערנעענטערט זיך דער סוף. די לעצטע טעג איז זיין הונט טאָמי שטאַרק אומרואיק. ער רייסט זיך צום בעט און וואָיעט און האַילט. אַרום הויז שטייען אַרבעטער. זיי ווילן זען מעדעמען. נאָר דאָקטוירים לאָזן נישט צו צו אים. ער ליידט דאָך אַזוינע ווייטיקן.

ביי זיין בעט געפינען זיך זיינע פריינט — די אָנגעזעענסטע פירער פון דער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין

נויאָרק, און זיין פרוי גינע מעדעם. זיי זוכן צו פאַרלייכטערן זיינע ליידן.

דעם ערשטן יאַנואַר, 1923, איז מעדעם געשטאָרבן. צו זיין אייביקער רו האָבן אים באַגלייט זיינע געטרייע חברים און פריינט, און די נויאָרקער גרויסע יידישע אַרבעטערשאַפט.

מעדעמס קבר געפינט זיך אַף דעם אַרבעטער רינג בית־עולם „הר כרמל" (מאַונט קאַרמל), אין דער ערשטער שורה פון די באַרימטע יידישע שרייבער און אַרבעטער־פירער. אַף זיין מצבה (מאַציוווע) זענען אויסגעקריצט די עטלעכע איינפאַכע, וואונדערלעכע ווערטער:

וולאַדימיר מעדעם

די לעגענדע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

מעדעם איז געווען די נשמה פון דעם „בונד". זיין קורץ, אָבער פרוכטבאַר לעבן געהערט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איבער דער גאַנצער וועלט.

פאַרצייכעניש:

וואָלאַדימיר מעדעם 5
דאָס גליביקע יינגל 8
קומט דער ליבער זומער 11
איגנאַטיעוו — און וואָליעס נקמה 17
וואָליע און זיין שוואָגער זשאַבאַ 23
וואָליע ווערט אַן אַנדער מענטש 27
דער גרויסער סטודענטן־סטרייק 31
אַ לעקציע אין סאָציאַליזם 37
וואוהין 41
דער „בונד" 45
אין דער פרעמד — דאָך צווישן אייגענע 49
שטורעמדיקע יאָרן 55
אין דער מיט פון דעם קאַמף 61
דער קאַמף פאַר קייטן 68
ווידער טורמע און — רעוואָלוציע 74
די פאַרוואָגלטע קינדער אין וואַרשע 80
די לעגענדע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג 83

צייכענונגען

וואָליע שטייט הינטער אַ בוים און טוט תפילה צו גאָט 15
וואָליע מיט זיין הינטל 19
די טויערן פון דער אוניווערזיטעט זענען געשלאָסן 33
אַן אַלטער ייד, איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן, שלאָגט זיך אַרויס פון
די כוחות 42
אַ מיטינג פון רעוואָלוציאָנערן 47
איבער די גאַסן פון בערן 51
אַ מיטינג אין וואַלד 58
אַ חברה יידישע קינדער שפּילן זיך אין רעוואָלוציע 62
אַף די באַריקאַדן 67
אַף די נאַרעס און אונטער די נאַרעס וואַלגערן זיך מענטשלעכע
קערפּערס 77

ביבליאָגראַפיע

וולאַדימיר מעדעם: פון מיין לעבן.

וו. מעדעם: זכרונות און אַרטיקלען.

ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט.

א. ליטווין: צוויי גענעראַלן.

דער רויטער פנקס.

איך האָב אויך אויסגענוצט די אומצייליקע אַרטיקלען אין די יידישע צייטונגען, בפרט אין „פאָרווערטס", וועגן „בונד" און מעדעמען. מיין דאַנק דעם בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער רינג, מיין פריינט נ. כאַניןּ, פאַר אַסך אינטערעסאַנטע איינצלהייטן, וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן מעדעמען, דעם מענטש.

קאַטאַלאָג

פון ביכער אַרויסגעגעבן פון א. ר. און אנדערע פארלאגן.

וואונדער איבער וואונדער — לידער פון מאני לייב, אילוסט-רירט, שטאַרק געבונדן, 160 זייטן — — — — — — 30 סענט.

בילדער פון יידישן לעבן, פון ב. וויינשטיין, באַאַרבעט פון נפתלי גראָס, פראכט-אויסגאבע, אַ סך האָלצשניטן, קאָלירטע הילע, שטאַרק געבונדן — — — — — — — — 40 סענט

יידן אַמאָל, פון ח. בעזפּראָזוואַני.—געשיכטע פאַר שול און היים, 280 זייטן, אַ סך אילוסטראַציעס, שטאַרקער איינבונד.

אַ מעשהלע אין גראַמען — פון מאני לייב. קונסט-אויסגאבע, מיט אַ סך קאָלירטע בילדער, גרויסער פאָרמאט, 40 זייטן 50 סענט.

דריי ריזן, פון אפרים אָוערבאך. 64 זייטן, גרויסע שריפט, אי-לוסטרירט, קאָלירטע הילע, גוט פאַפיר — — — 30 סענט.

קאַלאָמאַן וואַליש (ביאָגראפיע), מ. אָשעראָוויטש. 64 זייטן, אָן אַ שיעור פאָטאָגראפיעס, גוט פאַפיר, קלאָרע שריפט, קאָלירטע הילע — — — — — — — — — — — 30 סענט.

דאָס מעסערל, שלום עליכם. פארבנרייך אילוסטרירט, גוט פאַפיר, גרויסע שריפט, קאָלירטע הילע, געבונדן, 48 זייטן. 25 סענט.

אַלע מאַמעס זיינען שיין, פאָלק מעשה, פון יודל מאַרק, לויט מ. בערדיטשעווסקי. אילוסטרירט, קאָלירטע הילע — 25 סענט.

דעבס, פון נפתלי גראָס. צווייטע אויפלאגע, פראכט אויסגאבע, אַ סך פאָטאָגראפיעס, שיינע הילע, קלאָרע שריפט, געבונדן. 25 סענט.

גייט אַ הינדעלע קיין בראָנזוויל, פון י. קאמינסקי, גרויסער פאָרמאט, גרויסע שריפט, אַ סך קאָלירטע בילדער, 16 זייטן. 30 סענט.

מיר זינגען, 54 לידער מיט נאָטן, צענויפגעשטעלט פון מיכל געלבאַרט. — — — — — — — — — — — 15 סענט.

בערעלע, פון נ. כאַנין, 128 זייטן, אַ סך בילדער אין צוויי קאָלירן, אילוסטרירט פון נ. קאָזלאָווסקי.

מעדעמס ביאָגראַפיע, פון נפתלי גראָס. 88 זייטן, אילוסטרירט פון חיים גראָס.

שוואַרץ און ווייס, פון י. קרעפּליאַק. 48 זייטן, אין קאָלירן, אילוסטרירט פון נ. קאָזלאָווסקי.

אַנדערע פאַרלאַגן:

מעשׂות, פון נפתלי גראָס, קונסט-אויסגאַבע, רייך אילוסטרירט, שטאַרק געבונדן — — — — — — — — — — — — 40 סענט.

יונגוואַרג, פון י. קרעפּליאַק, דערציילונגען. 160 זייטן, אילוסט-רירט, קאָלירטער. שטאַרקער איינבונד — — — 75 סענט.

טאָבי און טאלי, פון י. מעצקער. 164 זייטן, האָלצשניטן, שטאַרק געבונדן — — — — — — — — — — — — — $1.00

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

WORKMEN'S CIRCLE EDUCATIONAL DEPARTMENT
175 East Broadway, New York, N. Y.